STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09514

PLASTN

Itzik Fefer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09514-1

D:\YIDDISH\Titles\9780657095147T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

איציק פעפער

פלאסטנ

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהײטנ אינ אוסר״ר

כארקאָוו — 1932 — קיִעוו

די ביבליאָגראַפישע באַצייכענונג פונעם בוך און די שיפערן פאַר ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן זיינען אָפּגע-דרוקט אין „ביכערשריפט פון דרוק" און אין דעם „קאַרטן-רעפּערטואַר" פון דער אוקראַינישער ביכער-פּאַלאַטע.

פאַראַנטוו. רעדאַקטער — מ. קאַמענשטיין
טעכנ. רעדאַקטער — כ. ליומקיס
הילף און איינבונד געצייכנט — אי. פּלעשטשינסקי
קאָרעגירט — כ. ליומקיס
איבערגעגעבן אין זאַץ 1/IV—32.
אונטערגעשריבן צום דרוק 5/VII—32.

אלוקר. פּאָליגראַפּ. פאַרייניקונג, אינטערנאַציאָנאַל
דרוק. קיעוו, רויטער פּלאַץ 2a, באַשט. 442 —
3000 עקז. 12 דרוק-בויגנ. אוקרהויפּטליט(449)1150

ערשטער טייל

.1

אונטער דער ערדיקער הויט פונ דאָנבאס
ליגנ די שאכטעס צעגאָרנט,
ציִענ זיכ קוילנ א פלאסט נאָכ א פלאסט,
אונ פלאסטנ נאָכ פלאסטנ שאכטיאָרנ...

ראנגלענ זיכ פלאסטנ, ציטערט די הויט...
ווער וועט דאָ וועמענ באקעמפנ?
גייענ געשלעגנ אפ לעבנ אונ טויט
אינ שייַנ פונ שאכטיאָרישע לעמפלעכ...

קוקנ פירקאנטיקע אויגנ נאָכ פרעמד,
ווינציק נאָכ קוילנ די ערד גיט;
ליגט נאָכ פארצוימט אונ ליגט נאָכ פארקלעמט
אונטער איר הויט די ענערגיִע...

דארפ מענ איצט קאָנענ גיבנ א זעצ
אינ לאוועס אינ לאנגע דאָנבאסער,
אז אינ די ביטנ פונ שטילנ דאָנעצ
זאָל זיכ א הייב טאָנ דאָס וואסער!

דארפ מענ איצט קאָנענ געבנ א טראָג
דעמ גלאנציקנ פלאסט איבער שטרעקנ,
א שטויב ווי א נאכט זאָל דאָס פאסיקל טאָג,
זאָל דאָס פאסיקל הימל באדעקנ!

דארפ מענ איצט קאָנענ לאָזנ אינ גאנג
פונ שטאָלצע מאשינעס די מוסקלענ,
אז ניט קיינ וויי,
נאָר א פריידיקער דראנג
זאָל גיינ פונ שאכטיאָרישע ברוסטנ!

קוילנ הייסט —
מוסקלענ,
שטאָל
אונ טשוהונ.
עלעקטריע!
אינדוסטריע!
טעמפּנ!
שטארקער וועט שײַנענ סטאלינער זונ
איבער די קעפּ פונ די קעמפער!

די סטאלינער זונ, די זונ פונ דאָנבאס,
די ריזיקע זונ — די ריזנ!
די גאנצע ערד — דעמ ארבעטער־קלאס,
די קראפט אירע — דעמ קאָמוניזמ!

.2

צו שאכטעס דאָנבאסער
דורכ ווערסטנ אונ רוימענ —
דער רופ פונ סירענעס,
דער מארש פונ די קוימענס...

טראָגנ זיכ לאנגע שערענגעס וואגאָנעס נאָכ טאָנעס געזונטע,
קומענ שערענגעס וואגאָנעס פונ וועגנ באשנייטע, פונ וועגנ צעזונטע,
שטייענ וואגאָנעס מיט טירנ צעעפנט — פירקאנטיקע מײַלער,
טראָגט זיכ פונ ווײַטנ דער שלאָגלערשער רופ איבער שלאָגלערשע מײַלנ:
קוילנ!

עס וואַרטן אַף קוילן
זאַוואָדן
פון סאָרמאָוו,
זאַוואָדן
פון פּיטער,
עסכאַר און מאָגעס...

עס וואַרטן אַף קוילן
די שטעט אַפן דניעפּער,
די סטאַלינער דאָמנעס,
דער מאָסקווער עקספּרעס!

נס וואַרטן אַף קוילן אין אונדזער אינדוסטריע איצט ניט קיין מאַגנאַטן,
וי דאָרטן אין ענגלאַנד, אין דײַטשלאַנד און אין די פאַריייניקטע שטאַטן,
און ניט די פאַשיסטישע טאַשן, ווי דאָרט אין איטאַליע, אין פּוילן
איצט וואַרטן בײַ אונדז אין סאָוועטישע שטעט אַף די קוילן!
און ניט די פאַשיסטישע בענק מיט די נולן, די מילי־מיליאַסן. —
אין אונדזער סאָוועטישן פאָטערלאַנד וואַרטן אַף קוילן די מאַסן!

קוילן — אין הערצער פון סאָנים, ווי שפּיזן!
קוילן — דער באַזע פון סאָציאַליזם!

וועלן באָלשעוויקעס ניט אָוועק פון אָקאָפּן,
זואַנען מיר וועלן דעם סוינע צעקלאַפּן!

אַף אייביק פאַרניכטן די וווּנדן פון נעכטן,
ס זאָל אונדז שוין קיינער ניט קאָנען פאַרקנעכטן!

סאָף צו די קעלערס, די הײַזלעך די כאָרעווע!
סאָף צו דעם שטרויענעם נאַקעט און באָרוועס!

קיין מענטש אַפן צווייטן זאָל מער שוין ניט רײַטן,
י שפּורן די לעצטע פון קנעכטשאַפט צעבײַטן!

יזוואַנען עס דראָט נאָך דער פויסט פון בלאָקאַדעס,
לײַבן דערווײַל אומעטום באַריקאַדעס!

ווײ צו דעם פּאכדן,
זײַנ ציטער פּונ האנט:
ס׳ציִענ זיכ פּראָנטנ—
אָקאָפּנ אינ לאנד!

ווערסטנ פּארבאנדישע
ציִענ זיכ לאנג...

ווערסטנ פּארבאנדישע
טראָגנ דעם דראנג.

שפּרײט זיכ די מאָנונג
מיט רעדער פּונ באנ,
רעדערנ, רודערנ:
—קוילנ פּאראנ?

ראנגלענ זיכ שלאָגלערס אינ טיפּנ פּונ אלטנ דאָנבאס,
ענטפּערנ שלאָגלערס דעם רופּ פּונ פּארטײ אונ פּונ קלאס.
— ס׳וועט זײַנ!

רעדערנ רעדער וועג־אויס אונ וועג־אײַנ.
טראָגנ די רעדער
א שורע פּונ פּלאנ,
א ציפּער פּונ פּלאנ,
א פּונקט פּונעם פּלאנ!

עס קלאפּנ
אונ קלאפּנ
די רעדער
פּונ באנ...

פון אלע, פון אלע
פארבאנדישע עקן
צעלויפט זיך דער רויש
אפ די רעדער פון באן.

קומט ער אין לאווּעס,
קומט ער אין שטרעקן:

— איז קוילן פאראן?
— איז קוילן
פאראן?

אונטער דער ערד, אונטער די ווערסטיקע רוישיקע פלעצער
ציִען זיך קוילן א פלאסט נאָך א פלאסט אין די טיפן דאָנעצער...

האָבן זיך לאָזונגען הייסע פון ווענט און פון סטויפעס צערעדט זיך
האָבן זיך שאכטעס־איִן טיפן דאָנעצער פארוועמ זיך:

אָקסענע טעמפן
פארבייגט און פארקלעמט!

אָקסענע טעמפן —
אפ שטיקעס
נעמט!

עס ווארטן אפ דורכרייַסן
דאָ אין די שאכטעס
די ווייַסע, די גרייַזע,
די שווארצע בריִאנס...

און ס'ווארטן אפ קוילן
זאוואָדן פון בריאנסק,
די יונגע קאָלווירטן
באם טייַך אינגולעצ.

ס'וואַרטן אַף קוילן
די שטעט אַפן דניעפּער,
די שטעט אַף דער וואָלגע,
די שטעט אַף דאָנעץ...

און ס'פּאָדערן קוילן
גיגאַנטן און ריזן,
גיגאַנטן און ריזן
פון סאָציאַליזם!

עס וואַרטן אַף קוילן
די שיפן די ווײַטע,
די שיפן, וואָס לאָזן זיך
ווײַטער און ווײַטער,
אַף קוילן אַף שוואַרצע
דער אײַז־שפּאַלטער וואַרט,
אַף גייען צעצינדן
פּאָליאַרישע נאַכט...

קינדערלעך קוקן
אַף פּראָסטיקע בלומען...
קינדערלעך וואַרטן
און אייוועלעך שטומען...
— ווען וועט פון שאַכטעס
די וואַרעמקייט קומען?

כוואַליעס פון פּאָנען,
הענט מיליאָנען,
הערצער און אויגן
מאָנען
און מאָנען!

עס שפּאַנט צו די זיגן
דער שטאָלענער זאָר,
ער טראָגט אַף די פּלייצעס
די שטרענגקייט פון וואָר,
די באָלשעוויסטישע
מי פון שאַכטיאָר?

3.

ביולעטען נומער...

פון יעדער סטויפּ און פון יעדער וואַנט
שרייט אַ פּלאַקאַט צום פאַרבאַנד...

צו יעדער זאַוואָד און צו יעדער קאָלווירט
יעדער פּלאַקאַט ראַפּאָרטירט.

אַזוי פּילן אויס זייער פּלאַן:

די לענינשע שאַכטע — הונדערט מיט צען,
הונדערט מיט צען פּראָצענט...
דער לענינשער שאַכטע — אַן „אַעראָפּלאַן":
אַן אָרדען אַזאַ איז פאַראַן!
הונדערט מיט זיבן — די שאַכטע „איוואַן",
אַף זיבן געהעכערט דעם פּלאַן!

די שאַכטע „איוואַן"
אַף אַן אווטאָ פליט
און טראָגט
דעם לאַנד
אַנטראַציט!

די סטאַלינער שאַכטע גייט אין געוועט
און קעמפט פאַר דער רויטער ברעט.
דער סטאַלינער שאַכטע איז ניט גענוג:
זי טראָגט זיך דערווײַל מיט אַ צוג!...

און הונדערט מיט צוויי פּראָצענט גיט
דעם פאַרבאַנד די שאַכטע „שמידט"...
זי טראָגט זיך שווער, זי אָטעמט קוים
און האַלט דאָס פערד בײַ דער צוים!...

זיי שפּאַנען פּאַרויס נאָכן רוף פון פּאַרטיי,
און ס'שפּאַנען אַסאַך נאָך זיי...

פון יעדער סטויפּ און פון יעדער וואַנט
שרײַט אַ פּלאַקאַט צום פאַרבאַנד...
און יעדער ציפער און יעדער אָס
דעם סוינע אין קאָפּ — אַ שאָס!

די, וואָס שפּאַנען פּאָרויס — אונדזער האַנט,
זיי וועט געדענקען דער גאַנצער פאַרבאַנד!
און אַלע, וואָס שלעפּן זיך נאָך —
אַ שאַנד!

אַזוי פּילן אויס זייער פּלאַן:

די ריקאָווער שאַכטע — נײַנציק נײַן!
זי שווימט אויף אַ דאַמפּער... פֿײַן!
„וועטקאָווסקע!"
„מאַספינקע"!
וואָס וועט זײַן?
וואָס טוט איר מיט אַכציק נײַן?
„לידיוועקע" — מער ניט ווי זיבעציק אַכט!
— זי זיצט אויף די אָקסן די זיבעטע נאַכט!

קאם וואָס עס שלעפּן די קראַנקע פֿיס
„סמאָליאַנקע" און שאַכטע „ביס"...

די שאַכטע „מאַריִע" זיצט אָפּסנײַ
אויף טשערעפּאַכעס אין דרײַ!!!

א האָרב פֿון א קעמל וויגט אויף דער זון
די אַלטיטשקע שאַכטע „נעפּטון"...

און נאָכדעם ציט זיך די סעריע
בראַק:
שאַכטע
„ענערגיע"
רײַט אויף א ראַק...
דער ראַק איז רויט,
די שאַכטע טויט...
דער ראַק איז רויט,
שוואַרץ איז דער פֿלעק,
לייגט זיך דער פֿלעק
אויף יעדער שטרעק,
יעדער לאַווע,
יעדער שאַכטיאָר,
עס הענגט דער פּלאַן
אויף א האָר...
אויף שאַכטע
„ענערגיע"
שעמט זיך די פֿאָן,
מיט רויגעז אויף ברעמען
דער קלאַס טוט א מאָן
מיטן מויל פֿון פּאַרטיי:
ווער וועט וועמען?
מיר צי זיי?

זיי — הייסט: שלעפּן זיך צוריק,
זיי — הייסט: טורמעס, טלִיעס, קריג!

מיר — הייסט: פרײַהײַט, בויונג, גליק!
מיר — הייסט: לענינ. סטאלינ. זיג!

אראָפּ פונעם ראק און אראָפּ פונעם אֶקס!
עס ווארטנ זאוואָדנ אפּ קוילנ, אפּ קאָקס!

דער פלעק איז שווארצ,
דער ראק איז רויט,
— די קוילנ!
— די קוילנ!
— דאָס שווארצע ברויט!

.4

אונטער דער ערדיקער הויט פונ דאָנבאס
ליַיגנ די שאכטעס צעגאָרנט,
ציִענ זיך קוילנ א פלאסט נאָך א פלאסט,
און פלאסטנ נאָך פלאסטנ שאכטיאָרנ...

קוקנ פירקאנטיקע אויגנ נאָך פרעמד,
ווינציק נאָך קוילנ די ערד גיט;
ליגט נאָך פארצוימט און ליגט נאָך פארקלעמט,
דרימלט די שאכטע „ענערגיִע”...

און אונטער איר ערדיקער, בערגיקער הויט
טראָגנ זיך רוישנ און ראשנ,
טראָגנ זיך קוילעס:
איז ווענמענ פארטרויט
דעמ פלעק
פונ דער שאכטע פארוואשנ?...

ווייסט מען ניט — וועמען דאָ?
ווייסט מען ניט — ווען?
עס זיצט דער פֿאַרוואַלטער פֿונויבן,
ער דריקט צום פּאַפּיר זײַן צעציפּערטע פּען
און קוקט אַפֿן גלאַנצ פֿון די שויבן...

ער זיצט און ער קוקט פֿון די ברילן אַראָפּ
און שרײַבט עפּעס הייס אינעם טרײַבל,
אַ קוויטשעדיק קעלעכל ענטפֿערט אים אָפּ —
דאַכט זיך, עס קוויטשעט זײַן ווײַבל...

ניט וויכטיק.
מע טאָר זיך ניט מישן אַזוי
אין שטרענגע פֿאַמיליע-ענינים..
ס'איז וויכטיק,
וואָס ס'ברענען די פֿלענער ווי שטרוי
און ס'דרייט זיך און אַרבעט זיך אָן אים...

אָט דאָס איז אינקורצן זײַן מילדער פּאָרטרעט!
(ווער דאַרף די פֿאַמיליע־ענינים?).
ער האָט אַ פּאָר אויגן, אַ מײַלכל און רעדט,
עס פֿעלט אָבער איינס אים:
אַ פּנים...

איר ווילט זײַן פֿאַמיליע?
ווער ווייסט זי?
פֿאַרגעסט!
(באַשולדיקט מיך גלײַך: סכעמאַטיזם!).
ער קומט אין דער שאַכטע,
ווען ס'קומען אָן געסט,
ווער קען
זײַן פֿאַמיליע
דאָ וויסן?

ער זיצט ווי מיט שטענדיקע קייטנ געשמידט
צומ געלנ פירקאנטיקנ בענקל.
אונ זעלטנ אינ שטרעקנ ער שיט זײַנע טריט,—
ווער־זשע קאָנ זײַנ פאמיליע געדענקענ?

ער זיצט אפנ בענקל אינ פלענער פארשפינט,
אונ ס'שפינענ ארומ אימ די נעצנ:
א צענדליק טשובאטע, קולאקישע הינט,
א צוויי־דרײַ פארלעגערטע ספעצנ...

אפ פלענער ער ארבעט באטאָג אונ באנאכט,
אונ פלענער נאָכ פלענער באפוילנ.
אלצ איז אינ אָרדענונג.
פעסט אונ באטראכט.
נאָר ס'גיט ניט די שאכטע קיינ קוילנ...

אונ בלויז איבער פלענער ער נעכטיקט אונ טאָגט.
ער כאסמעט, ער הייסט, ער באשטעטיקט.
ווענ ער איז א דיכטער,
וואָלט איכ אימ געזאָגט:
עס טויג ניט זײַנ שעפערשער מעטאָד...

וואָס איז ער? ווער איז ער? א ביוראָקראט?
ער שרײַט: ביוראָקראטנ פאראכט ער...
ער האָט נאָר פארגעסנ א פאָשעטנ פראט:
אז קוילנ דארפ געבנ די שאכטע!

וואָס איז ער? ווער איז ער? א שעדיקער? גיינ!
שעדיקער, שרײַט ער, פאראכט ער.
ער האָט נאָר פארגעסנ, דער פירער אליינ,
אז קוילנ דארפ געבנ די שאכטע!

ס׳באַרינגלען אים זאָרגן שווערלײַביק און גרויס,
און פּלענער אַף פּלענער פאַרטראַכט ער,
ער האָט נאָר פאַרגעסן איין קלייניקייט בלויז, —
אַז קוילן דאַרף געבן די שאַכטע!

אָט דאָס איז אין קורצן זײַן פײַנער פּאָרטרעט!
(וואָס קאָן מען נאָך מער פון מיר מאָנען?).
ער האָט אַ פּאָר אויגן, אַ מײַלכל און רעדט,
עס פעלט אָבער איינס אים: אַ פּאָנעם!

טוט זיך אָן עפן די הילצערנע טיר,
ווערט דער פאַרוואַלטער באַרויגעז.
ער טוט מיט די בריליקע אויגן אַ פיר.
— מע שטערט דער אַוווידע. ווי טויג עס?

און ס׳רײַסט זיך אַרײַן אינעם טירל דער ווינט,
דערשרעקט זיך דאָס רויִקע טירל,
און ס׳רײַסט זיך אַרײַן אינעם טירל געשווינד
אַ יאַט מיט אַ פּעקל פּאַפּירן....

— וואָס הערט זיך?
— ווי האַלט עס?
— ווי גייט אונדזער פּלאַן?
— מיר גייען, מיר טוען, נאָר קלאָר איז —
מיר גייען, מיר טוען, מיר שפּאַנען אין שפּאַן,
נאָר ס׳טויג אונדזער אַרבעט אַף צאָרעס...

— „גריניוק נעמט שוין ווידער די כעוורע צונויפ,
די פינצטערע וויסטע כעווריע,
ער שרײַט, אַז אַן ענטפער דעם לאַנד פאַרן כויוו
דאַרף געבן,
דאַרף האַלטן
דער דרײַעק!...

„אונ ווו זײַנעג אלע ? ווו איז ער אליינ ?
אונ ווו איז די מאסע ?
וואָס טוט זי ?
כאוועד פארוואלטער ! גרילניק איז ניט ריינ —
עס רוקט אימ די קאָנטרעוואָליוציע !

„מיר מוזנ א קוק טאָנ, ווי האלט עס מיט אימ,
ער לאָזט ניט די ארבעט צעוויקלענ,
מיר זיצנ אפ פלענער, מיר רוישנ — — ! шумим
אונ ס׳פלאצנ די פלענער אפ שטיקלעכ !"

ווער רעדט עס ?
איר ווילט טאקע וויסנ, ווער רעדט ?
דאָס רעדט איצט דער צווייטער פונ דרײַעק !
(איכ וויל דאָ ניט מאָלנ געגוי זײַנ פאָרטרעט,
עס וואָלט מיר קיינ פארב ניט געסטײַעט).

אינקורצנ :
א שטילער, א רויִקער יאט,
מיט אויגנ גוטמוטיקע לאכט ער,
ער האָט נאָר פארגעסנ א פאָשעטנ פראט,
אז קוילנ דארפ געבנ
די שאכטע !

ער לייענט די צײַטונג זייער געשמאק
אונ ווייסט וואָס באטײַט יעדער טאָנע,
ער האָט א פאָר אויגנ,
א שראמ אפ דער באק,
עס פעלט אָבער איינס אימ :
א פאָנעמ !

זיי זיצנ אינצווייענ אונ פילנ דעמ אָל,
נאָר ווילנס זיכ באָמבלענ ווי שמאטעס,
זיי זיצנ אינצווייענ, געטאָקט ווי פונ האָלצ...
(אנטשולדיקט מיר, לייענער — סכעמאטיש ?).

און ווידער דער ווינט טוט דאָס טירל א מיש,
דער פּלאנ אפנ טיש טוט א ציטער,
עס רייַסט זיכ אריַינ מיט א קלאפּ אינעמ טיש
פונ שאכטישנ דריַיעק דער דריטער:

— „וואָס זיצט איר פונויבנ? אינ שאכטע איז שלעכט!
עס בראָדיעט דאָס בלוט בא שאכטיאָרנ,
זיי זייַנענ אינקאס און זיי זייַנענ גערעכט!
איכווענד זיכ צו אייַכ און איכ וואָרנ!

— „איר האָט אזוי לאנג ניט געזענ קיינ שאכטיאָר,
ניט געזענ, ווי ס'ארבעטנ וואכטעס.
איר האָט דאָ פארגעסנ א קלייניקייַט נאָר,
אז קוילנ דארפ געבנ די שאכטע!

— „עס ליגנ מאשינעס פארלאָזט און פארשיט,
עס כליופּעט אפּ רעלסנ די וואסער,
ס'באקומענ אלציינס: ווער עס ארבעט, ווער ניט,—
די טאריפנ באשטימט דאָ דער קאסיר!....

— „נו, ווי קאָנ זיכ רירנ די ארבעט פונ אָרט,
ווי קאָנענ די פלענער זיכ רירנ,
יעדער לעבעדיק, צאפּלדיק, רופנדיק וואָרט
ווערט פארוויקלט אינ כלאמ פונ פּאפּירנ!...

— „מע מוז א פארזאמלונג. קורצ און שארפ.
עס רוקט זיכ דער פּלאנ אפ א האָר ניט!״ —
אזוי האָט גערעדט דער פּארטיי־סעקרעטאר,
אזוי האָט געטייַנעט מאזשאָרני!

2—442

מאזשאָרני! דערזעלבער, וואָס קומט פון ארמיי
און טראָגט א רויטפּאָניקן אָרדען...
— „פאר אלץ וועט איר ענטפערן אונדזער פארטיי!
— „פאר אלץ! פארן פּלאן! פאר דער אָרדענונג”!

אזוי האָט מאזשאָרני דעם צימער געפרישט
מיט ווערטער מיט הייסע און הארבע,
דער ווינט האָט דאָס טירל געגעבן א מיש,
און ער איז אוועק צו דער ארבעט.

און איך דעם פארוואלטער באווייז אייך אציגד,
קעדיי זיך נאָך מער איבערצייגן,
אז מיט אזעלכן, וואָס פּלאנט אפן ווינט,
וועלן מיר קיינמאָל ניט שטייגן!

אוודאי איז איצטער ניט שווער צו פארשטיין,
באזונדערס אין ברען פון געוועטן:
קעדיי אונדזער ארבעט זאָל פרייליכער גיין —
דארף מען וויסן דעם פייַנטלעכן מעטאָד!

פון הייכן די זון קוקט אין פענצטער אראָפּ
מיט שטראלן, מיט היץ און איראָניע.
אָט זיצט דער פארוואלטער,
דער זעלטענער קאָפּ,
עס פעלט אָבער איינס אים: א פּאָנעם!

און ס׳מאָנען די לאָוועס, און ס׳מאָנט יעדער קויל,
און ס׳מאָנען די פּלאסטן און מאָנען,
זיי מאָנען א האנט
און מאָנען א מויל
און מאָנען א פּאָנעם!
א פּאָנעם!

.5

איז געקומענ גרינגיוק צומ פארוואלטער מיט טײַנעס מיט שווערע:
—„טו א קוק אפ דער שאכטע! וואָס טוט זיכ בא אונדז, איכ פארשטײ ניט—
עס ליגנ לעמ לאוועס די קוילנ, אונ ס'ליגנ וואַגאָנעס צענעריקט,
אונ ס'ליגנ אפ רעלסנ צעוואלגערט פּאָראָדעס אונ שטײנער...

—„עס ליגנ די וורובעווקעס דאָרטנ פארזשאווערט, פארשאָטנ,
דער אוילעמ קאלופּעט דעמ פלאסט מיט די צײנ, מיט די נעזער.
די וואסערנ כליופּענ פונ ווענט, אונ מיר טיאָפּקענ ארומ אינ דער בלאָטע.
עס ווערט אונדזער כויוו פארנ פינפיאָר אלץ גרעסער אונ גרעסער!

—„ס'א פלעק!
א ביזויענ!
מע מאָלט אונדז אפ טאָוולענ אפ שווארצע שוינ באלד א וואָכ פינעפ,
מע האָט שוינ אינ בלעטער אינ אלע די שאכטע „ענערגיע" באשריבנ,
קײנ סימענ ניטאָ פונ אָט דעמ, וואָס מע רופט: דיסציפּלינע,
מיר האלטנ בא זיבעציק זיבנ...
בא זיבעציק זיבנ!
בא זי־בע־ציק זיבנ!

—„די שאכטע „איליטש" האָט א גרויסע פארמעסטונג דערקלערט אונדז,
דער איצטיקער דורכרײַס קאָנ ווידער צו גרויסע ביזויענעס פאַרפירנ.
ווּ זײַנענ די פירער?
ווּ איז דער פארוואלטער?
ווער זעט אונדז?
ווער הערט אונדז?
ווּ זײַנענ די שטארקע בריגאדעס, אויב ניט בלויז בא אײַכ אפ פאפירנ?

אזוי האָט גרינגיוק צומ פארוואלטער פונ שאכטע „ענערגיע" געטײַנעט
אונ ער איז געזעסנ, דער קאלטער פארוואלטער,
נאָכ קעלטער ווי שטענדיק:

— נו, ענדיק שוין גיכער, גריניוק, די לעקציעס די פײַנע,
דו ביסט דאָך א גאנצער אָראטעל!.. פאַרענדיק!

— וואָס כאפסטו? וואָס פליסטו?
איך וויל נאָך פארענדיקן, ברודער,
און אויב כ'וועל ניט ענדיקן דאָ,
איז אן אָרט, ווי דו ווייסט, נאָך א צווייטס דאָ!
ביסט בלינד און דו זעסט ניט,
ווי ס'רינגלען ארום דיך די אלטע זאנודעס,
אף זיי איז דײַן אָנשפאר, און ניט אף די פעסטע שאכטיאָרישע פלייצעס!

גריניוק האָט זיך העכער צעשריִען:
„עס ליגן מאשינעס פארשאָטן,
דער אוילעם קאלופעט דעם פלאסט מיט די ציין, מיט די לײַבער!"
זיי האָבן געקלאפט אין די טישן, זיי האָבן געזאָטן...
און וואָס מע האָט שפעטער גערעדט, איז ניט וויכטיק באשרײַבן.

וויכטיק איז דאָס, וואָס דער קאלטער פארוואלטער
געטראָגן אף אויגן האָט הענטשקעס,
ניט געזען האָט דער קאלטער פארוואלטער,
ווי ווײַטער די שאכטע צו פירן,
פלעגן שאכטיאָרן פאר ארבעט פאר זײַנער
מיט זאפטיקע היפעס אים בענטשן,
און ס'פלעגן די קויכעס די פרעמדע אים נעמען
אף זייערע שווארצע בוקסירן...

גריניוק איז ארויס.
ס'האָט א פײַפ אים גערופן אראָפ אין דער שאכטע.
דער קאלטער פארוואלטער האָט גיך אין די ביטערע שמועסן פארגעסן,
ער האָט זיך צעזעצט אין זײַן שטול, ווי א זיגער נאָך שלאכטן,
און שאכטע „ענערגיע" איז אלץ אף די ראקעס געזעסן...

6.

טראָגט מיט פּוסטעפּאסנע שאָענ
פונ דער שאכטעס מויל,
פּלאסטנ רופנ, פּלאסטנ דראָענ,
קוילנ פאלנ פויל...

פויל אפ קײַלעס קוילנ פאלנ...
נו, אנ ארבעט, נו!
פערדלעכ הוידענ זיכ אפ שפּאלנ,
צוגעדעקט מיט רו.

נאכט מיט לעמפּעלעכ געלאטעט
ציט זיכ, ציט זיכ ווײַט,
פּלעשלעכ בראָנפּיקע, שטשערבאטע
ליגנ בא דער זײַט...

אונ א וואכטע נאָכ א וואכטע
ברענגט אראָפּ דער ליפט,
דורכ די טירלעכ די פארמאכטע
מוטנע וואסער טריפט...

מוטנע וואסער, קאלעמוטנע,
קאלעמוטנע שײַנ,
אוי, די צײַט די פלינקע רוט ניט,
טאָר מענ זיכ ניט הײַענ!

מוז זיכ יעדערער איצט אײַלנ,
ווערט די טיפ צעבליצט,
איבער ווערסטנ, עפּשער מײַלנ—
ליגט דער פּלאסט פארקריצט.

און עס מוז דעם פלאסט א נעם טאָנ
א געניטע האנט.
א פארשטויבטער, א פארשעמטער
שרײַט דער פלאנ פונ וואנט.

וועג עס גייט קלימענקאָס אוילעמ,
שמייכלט דער ליפּטיאָר
אונ באלייט די זינ די ווילע
מיט א מוטנע וואָרט...

פאָרלעכ, דרײַלינגס, פירלינגס ראשנ,
ווערט דער ראש צעווייט,
אונ אפ ציינ מיט שנאפס פארוואשנ
כרושטשענ מוטנע רייד...

ס׳גייט קלימענקאָ מיט קירילענ,
קראקענ ווי די קראָענ,
אונ עס שיט מיט היפּעס־טפּילעס
סטיאָפּקע וויטראָהאָנ...

—ווער דארפ עפּעס דאָ געווינענ?
—ווער דארפ זייער גליק?
—אפ א שקאפּקעלע פארדינענ —
אונ פאשאָל צוריק!..

— גיכער, כעוורע, גיכער! הײַדא!
— ס׳איז די צײַט שוינ באלד!
— ס׳וועט די ארבעט סײַוויסײַ דאָ
ניט אוועק אינ וואלד!

— דער דעסיאַטניק איז אַ כונע...
— יעדער וואָרט — דעמ ווינטס!
— טינעפּ־אַרבעט, און דערצו נאָכ
שטעקט מענ ווייניק מינצ!

הויכ אַפּ לאַוועס, הויכ אַפּ שטרעקנ
גרויער טאָג שאַריִעט,
קוילנ פּינצטערע, צעבּרעקלט
כרושטשענ אונטער טריט...

— וואָלט מענ שטילער אָט די שווערע,
אָט די טעג געזוכט.
איז געקומענ די כאָלערע,
דער פּאָדלעצ גריניוק...

טוט אַ בּורטשע שווער קירילע:
— עכ, כאָלויסקע בּלוט,
נאָר בּאַווייזנ אַלע וויל ער:
ער נאָר אַרבּעט גוט!

— אומעטומ דער ערשטער רעדט ער,
ער איז אינ געווער,
און אַפּילע אינ די בּלעטער
דרוקט מענ זײַנ פּאָרטרעט...

בּאַ די זײַטנ, בּאַ די ווענטלעכ
אײַלנ יאַט נאָכ יאַט,
און מע טיקעט מיט די לעמפּלעכ
אַפּ קלימענקאָס „שטאַט”.

— „זעט, קלימענקאָס „שלאָגלערס“ גייען.
נו, קולאַצקע בלוט!
נאָך א זופּ אין גאַלערייען
שלאָגן זיי זיך גוט!

און פונוויַיטן גייען ראַשן,
ציטערן די ווענט,
ווערן קעפּ מיט שטויב באַוואַשן,
און די אַרבעט ברענט...

ווי אַף שוואַרצע באַריקאַדעס,
אין די לאַווע־ווענט
שטייט גריניוק מיט זיַין בריגאַדע,
און די אַרבעט ברענט...

ס׳מאָנען קוימענס, ס׳מאָנען צעכן,
און עס שרייַט דער שטרייַט,
פּירן לײדיקע געשפּרעכן
איז ניטאָ קיין צייַט!

די מאַשינעס, די מאַשינעס
זשאַווערן לעם ווענט,
די מאַשינעס, די מאַשינעס —
זיַינען דאָ די הענט...

אין גריניוקן ברענט די סינע,
ער פאַרשטייט דעם קונץ:
ווער ס׳איז קעגן די מאַשינעס —
דער איז קעגן אונדז!

ניט באַווייַזן כ׳וועל געווי דאָ
ווי די אַרבעט גייט,
ווי די קיַילעס מע צעהוידעט.
..... איבעריקע רייד:

כ'בינ א קעגנער פונ אמפיזמ,
כ'שרײַב עס שווארצ אפ ווײַס,
צו גענויע טעכניציזמענ
בלײַב איכ קאלט ווי אײַז.

ניט קײנ ווערטער־ביכל בוי איכ,
ניט איכ וויל אונ קאָנ;
אָט די שווערע ארבעט טרוי איכ
מײער אלבערטאָנ!

וויכטיק איז אָט דאָ באטאָנענ
אינ דאָנבאסער וועלט,
ווי אינ טיפ פונ באטאליאָנענ
וואקסט דער נײַער העלד!

ווענ עס ווארפנ באלעגופנ
אינ דער טיפ א גרויל,
גײט אנ ענטפער אפ די רופנ
פונ דער שאכטעס מויל!

— „מירנ זעענ שוינ: ווער וועמענ!" —
שרײַט גריניוק פונ אָרט, —
אונ דעריקער דארפ מענ נעמענ
טאקע הײַנט א וואָרט!

7.

אינ א קויטיקער קאזארמע
טוט די צוקונפט זיכ א שפרייט,
אונ עס פליִענ גרוסנ ווארעמע
פונעמ לעקטערס רייד:

— „ס'איז איצט א שווערע צײַט אזא,
אמאָל וועט אזוי ניט זײַן,
דער גאז וועט אלײן ארופֿ „נא־האָרא"
און געבן ענערגיע און שײַן!

— „איך זע שוין ווי די צוקונפֿט טריפֿט.
כאווײרים! שטעלט זיך פֿאָר:
בא יעדער מויל פֿון שאכטע־טיפֿ
וועט שטײן נאָר אײן שאכטיאָר!

— „און ס'וועט אוועק פֿון שטרעק צו שטרעק
די קראפֿט אין טיפֿ צעזײט,
און די זשעלאָנגע וועט אוועק
אין אלטן בארג־מוזײ...

— „אפֿ יענע צײַטןווארטן מיר.
אָט דאָס וועט זײַן א דאָר!
ווען מיט דער גאנצער שאכטע־טיפֿ
וועט פֿראווען אײן שאכטיאָר!

— „און פֿון דער העלער שאכטע־טיפֿ
וועט שטראָמען רײנער גאז,
אפֿ יענע צײַטן ווארטן מיר:
די צוקונפֿט פֿון דאָנבאס!"

אין גראפֿין די וואסער ציטערט,
ווען עס רעדט דער פֿײַנער גאסט,
ווען דער רעדנער דער געניטער
מאָלט די צוקונפֿט פֿון דאָנבאס...

בא דער טיר א ווינטל וואָרקעט,
און דער לעקטער ציט און ציט,
מיט די רויכן פון מאכאָרקע
דער רעגלאַמענט זײַנער פליט...

ווערטער ווייכינקע ווי קישנס
ווערן מיט געראַנגל פול,
אפ די בענק און אפ די טישן
צינדט דער אוילעם דעם געדולד!

— „נו, גענוג געפּלאַפּלט, פּעטער,
ס׳איז קיין קויך שוין ניט פאַראַן,
זאָל מען זאָגן אונדז קאָנקרעטער,
ווי מיר האַלטן מיטן פּלאַן!

— „זאָל מען אונדז דערציילן בעסער,
ווי מיר האַלטן מיטן בראַק,
מיט די דירעס, מיטן עסן,
מיט די שולן און אָרבּפּאַק!"

דער פּאַרוואַלטער רעדט אינגאַנצן
ערשט א שאָ מיט צען מינוט,
אפ די ציינער די ציפערס טאַנצן,
אפ זײַן ליפּ א שמייכל רוט...

ווערטער לויפן, שורעס לויפן,
דער פאַרוואַלטער רעדט קאָנקרעט,
און ער לויבט און לויבט אָן אופהער
די בריגאַדעס, דעם געוועט...

און די שאכטע זיינע לויבט ער,
און דעם פלאן און דעם שאכטקאָם —
זיצט דער אוילעם א פארטויבטער —
דער פארוואלטער,
הייסט עס,
קאָנ...

די שאכטיאָרישע פארזאמלונג הייבט זיך אָן באוועגן,
ווייל די שאָען די דאָנבאסער קאָסטן זייער טייער!

אין די טיפן די דאָנבאסער דרימלען די פארמעגנס,
און די אלע, וועלכע פלאפלען, טויגן אפן פייער!

די שאכטיאָרישע פארזאמלונג הייבט זיך אָן צו רירן.
— וואָס איז דאָס פאר פוסטע מייסעס?
— וואָס איז דאָס פאר שטוקעס?

און א טומל נעמט זיך וועבן לעם דעם רויטן טירל,
ווו די אלטע „קאדראָוויקעס” זיצן מיט גריניוקן...

— וואָס האָט ער זיך דאָ צעגעדזגעט?
— וואָס האָט ער געפלוידערט?
— וואָס פאר זיגן?
— וועלכע זיגן?
— ווו זעט ער די זיגן?

די שאכטיאָרישע פארזאמלונג הייבט זיך אָן צעהוידען,
רעפליקעס
און רעפליקעס
און רעפליקעס
זיך וויגן...

— „גאנוועניע באם לאנד די קוילן!
— „רויבער און גאנאָווים!" —
טוט א פלי א קאָל א הייס
פון ווינקל פון גריניוקן...

— „אונדזער שאכטע איז פארשריבן
אפן שווארצן טאָוול,
און איר קומט מיט שיינע מײַסעס
וועגן אונדזער צוקונפט!

זיצט דער דײַטש
ווילהעלם בעקער,
קאָן ער נישט פארשטייען —
ווי קאָנען עס שאכטיאָרן פראָסטע
שרײַען אפ א פירער...

אין דער געגנט אין דער וורער
וואָלט ער שוין געזען,
ווי עס קומען די עסדעקן
שרײַערס ארעסטירן...

ס'איז דער דײַטש,
וויהעלם בעקער,
נעכטן ערשט געקומען,
איינעכטן האָט ער באקוקט
די סטאנציע זדאָלבונאָווע...

די שאכטיאָרן ווערן הייסער,
די שאכטיאָרן
טומלען:

— „אונדזער שאכטע
איז פארשריבן
אפן שווארצן טאָוול!"

דער פּאַרוואַלטער פֿון דער שאַכטע
שטייט און שווײַגט באַרויִקט,
ערשטנס איז אים אַ בּיזויִען פּאַרן דײַטש דעם נײַעם,
צווייטנס, האָט ער פֿײַנט דעם עמעס, ווײַל ער שטעכט די אויגן,
דריטנס, איז ניט אײַנגענומען, וואָס די כוואַרע שרײַען...

און אָט זיצט קוזלאָב קירילע,
און לעם אים — סיטעצקי הירש.

ביידע זיצן שטילע, שטילע,
און עס טריפֿט די אַלטע טפֿילע
פֿון די ליפּעלעך די פֿיר:

אַלילויִע!
אַלילויִע!

ביידע זיצן זייער שיין
מיט ציגאַרלעך אין די ציין,
נאָר זיי שמעקן,
נאָר זיי לעקן
דעם פּאַרוואַלטער,
דעם שאַכטקאָם...

זאָגט מען: בים!
זאָגט מען: באָם!

בים!
באָם!

אַלילויִע!

קוילעס. קוילעס. אַלע שרײַען. ס'ווערט דער ראָש געדיכטער...
פּלוצלינג ווערט דער אוילעם רויִקער און ניכטערער...
און אַ שטילקײַט לייגט זיך אויס אַף די געזיכטער...

— וואָס איז דאָ געשען אַזוינס? וואָס געשען איז? גאָרניט!
ס'נעמט אַ וואָרט מאַזשאָרני!

ווײַל דער אוילעם הערן אים, ווײַל דער אוילעם קאָן אים,
ווײַל דער אוילעם זעען אים, ווײַל ער האָט אַ פּאָנעם...
ווײַל דער אוילעם הערן אים, הערט מען אוף צו טומלען.
ווײַל מע ווייסט: מאַזשאָרני פליט ניט אין די הימלען...
ערשט ניט לאַנג איז ער געקומען — איז ער נאָך אַ נײַער,
ווייסט ער נאָך ניט אַלעס דאָ, נאָר ס'איז יאַט — אַ פײַער!

ניט מיט סטראָפּעס, ניט מיט גראַמען
הייבט מאַזשאָרני אָן:

— „די פּאַרטיי האָט אונדז געלערנט
זײַן אין קאַמף אָרגאַניזירט!..

פּאָרזיצער: — „איך בעט ניט שטערן!“...
בוזאָטיאָרן: — „ער פאַרשמירט!“..

שרײַט פּאַנאַסיק: — „לאָזט אונדז הערן!“
און גריניוק: — „מיר ווילן הערן,
ווער סע שטערט — אָן איז די טיר!“

ווידער ווערט אין צימער שטילער,
ווידער הייבט מאַזשאָרני אָן:

— „די פּאַרטיי האָט אונדז געלערנט
זײַן אין קאַמף אָרגאַניזירט!..

— „נו, צו וואָס איז אײַער שרײַען?
ניט מיט פּוסטע טומלערײַען
ברענגט מען נוצן אונדזער זאַך!..

— „ניט מיט פוסטע פלוידערײַענ
קאָנ מענ אויסשפּילנ א שלאכט!
— „ניט קײנ גוואלד אונ ניט קײנ קריג
איז וויכטיק!
באָלשעוויסטישע קריטיק!"...
גריניוקס ווינקל: — ריכטיק!
יעדער פעלער וועט פארשווענקענ,
וועט פארווישט אונ וועט פארדרייט.
— ריכטיק?
— ריכטיק?

אונ אינ שאכטע־שטרעקנ שטרענגע
ליגט די פוילקײַט אויסגעשפּרייט...
— ריכטיק?
— ריכטיק?

ס'ליגנ וורובעוקעס אינ זשאווער,
ס'ליגנ וורובעוקעס פארשעמט,
— ריכטיק?

אונ עס שרײַענ רײַכע לאווּעס,
לאווּעס הודענ: קומט אונ נעמט!
— ריכטיק!

ריכטיק? — יאָ! — אונ ריכטיק? — ניט!
וואָרט נאָכ וואָרט זיכ שיט אונ שיט!...
זאווערוכעט וואָרט אינ וואָרט,
אלע שרײַענ פונעם אָרט...

— ? хошь працю — פאריכט די קיכ!
— ווילט איר קוילנ? — גיט אונדז שיכ!

זיצנ די בימבאָמשטשיקעס,
זיצנ אלילוישטשיקעס
מיט שמייכעלעכ פונ צויגנ,

מיט בוימל אפ די צינגעלעכ,
מיט בוימל אינ די אויגנ...
נאָר זיי שמעקנ,
נאָר זיי לעקנ
דעמ פארוואלטער,
דעמ שאכטקאָמ:

זאָגט מענ: בימ!
זאָגט ער: באָמ!

בימ!
באָמ!

אלילויע!

די פארזאמלונג איז אינ פולנ ברענ,
ס'האָט דער זייגער שוינ געקלונגענ צענ,
ס'האָבנ אלע שוינ גערעדט,
ס'האָבנ אלע זיכ באקלאָגט,
ס'האָבנ אלע שוינ געזאָגט:

— ס'איז אינ אורלויב אונדזער דיספּעטשער...
— ס'איז אינ אורלויב די מאשינ...
— דער פארוואלטער איז א טוקינ־סינ!
— אינ מאזשאָרנעס רייד איז דאָ א זינ!
— אינ אורלויב איז די אָרדענונג...
— אינ אורלויב די בריגאדעס!
— אינ אורלויב דער געוועט!
— עס ארבעט נאָר די שווארצע ברעט!

ס'האָבנ אלע שוינ געזאָגט, ס'האָבנ אלע שוינ גערעדט...

אונ די רעוואָליוציע איז נאָכ גרייט פונ פאראיאָרנ,
זי הייבט זיכ אָנ ווי שטענדיק: מיר שאכטיאָרנ...
די רעוואָלוציע איז פונ פאראיאָרנ נאָכ געבליבנ,
זי ענדיקט זיכ פונ שטענדיק אָנ: זאָל לעבנ!...

האָט מען אָפּגעשטימט די רעזאָליוציע „פּאר" און „קעגן",
ווער איז „קעגן" האָט מען נאָר פארגעסן פרעגן...

האָט דער פּאָרזיצער פארשטאנען,
אז ס'איז צייַט שוין די פארזאמלונג שליסן,
האָט גריניוק פון בענקל זיך געריסן,
האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, ווי שטענדיק:
— ענדע!

9.

ווער זייַנען זיי, ווער זייַנען זיי,
די העלדן פון די טאָנעס?
מיר קענען זיי, מיר קענען זיי,
ס'האָט יעדערער זייַן פּאָנעם!

פארשנירעוועט, פארבלעטערט,
אין טישעלעך אין דארע,
ליגן די אנקעטעס
פון די פּראָלעטאריער...

אנקעטעס די פּאפּירענע
ווייסן פון קיין ליריק ניט,
באשרייַבן זיי גריניוקן
אזוי טרוקן...

זיי ווייסן
זייַן פאמיליע,
זייַן נאָמען,
זייַן פּראָפעסיע,
זייַן טאטע הייסט: וואסילי,
די מאמע זייַנע: לעסיא...

אים באשרײַבן כ'מוז און קען,
ווער זאָגט עס: ווערטער סטײַען ניט?
דרײַסיק יאָר אין יוזעפקע,
פערצן יאָר אין סטאַלינע...

אנקעטעס די פּאַפּירענע,
ליניִעס צעווירעטע,
באשרײַבן זיי גריניוקן
אַזוי טרוקן...

אויסיִעס אויסגעריבענע
איבער ליניעס בלאַנקען,
פראגעס צען אין זיבעציק
טרוקענע קאַלאָנקעס...

וווּ זײַנען יענע טיפע
שורעס וועגן שאכטעס?
וווּ איז דאָס יאָר דאָס פינפטע,
דאָס זיבעטע,
דאָס אכטע?

פון וואָכן פון סיבירער
וווּ זײַנען שורעס שיינע?

אנקעטעס די פּאַפּירענע
דערציילן אַזוי ווייניק...

באגעגענישן שווערדישע
מיט גענעראַלסקע רעקלעך,
און קריגן אונטערערדישע,
און שלאכטן
אין די שטרעקן!

און ווען סע זײַנען קאַרג געווען
די פרײַהײַטן פעוורעליקע,
האָט ער זיך געהאַרגעט
פאַר שאַכטעס
און פאַר סטאַלינע...

פאָלקאָווניטשקעלעך רײנינקע,
פאָגאָניקע אַרמײען.
געוואָרפן זײ, געריינקט זײ,
ווי שטיינער און ווי גלײ... און

אַנקעטעס די פּאַפּירענע
ווייסן פון קיין לירִיק ניט,
באַשרײַבן זי גריניוקן
אַזוי טרוקן...

אַנקעטשיק! ווינציק פאַרבּ האָט ער,
באַשרײַבט ער אַזוי טרוקן
דעם באָלשעוויק, דעם אַרבּעטער,
דעם קאַדראָוויק גריניוקן...

ווער זײַנען זײ, ווער זײַנען זײ,
די העלדן אין דער מאַסע?
מיר קענען זײ, מיר קענען זײ,
די העלדן די דאָנבּאַסער!

אין די שוואַרצע לאַבּירינטן,
ווו א האָריזאָנט,
מישן קוילן
זיך מיט ווינטן,
און עס שמעקט
מיט פראָנט...

ווּ עס טרייבערן די גרוילן —
די שאכטיאָרן־לעמפּ,
ווּ עס בּונטעווען די קוילן
אין די ווענט פאַרקלעמט,
אין די שווארצע קאָרידאָרן,
ווּ דער שוידער טרעט,
צווישן טויזנטער שאכטיאָרן —
שפּאנט גריניוקס פּאָרטרעט!...

.10

איבּער לאַוועס, איבּער שטרעקן, איבּער שווארצע קאָרידאָרן,
ווי אַפּ פלינקע וואגאָנעטקעס איז א קלאַנג ארומגעפאָרן...

אַפּ פּארקוילטע, שווארצע ליפּן, אין די לאַוועס אין די ענגע,
אַפּ די שטערנס די צעקנייטשטע איז דער קלאַנג געבּליבּן הענגען.

האָבּן אויגן זיך צעעפנט, האָבּן העמדער זיך צעכראַסטעט,
האָבּן ווערטער זיך צעשפּרונגען איבּער גלאַטן גלאַנץ פון פלאַסטן...

איבּער גלאַטן גלאַנץ פון פלאַסטן האָבּן ווערטער זיך צעטופּעט,
איבּער לאַוועס, איבּער שטרעקן האָט די סינע זיך צעכליופּעט...

האָבּן פויסטן זיך געהויבּן איבּער שעטעכן צעקאַסטע,
האָבּן ליפּן זיך צעפלאַקערט, האָבּן ווערטער זיך צעכראַסטעט...

— „דייטשן פאָרן מיט מאַשינעס,
און פראנצויזן פאָרן ווידער,
— „צו דער מאַמע וועט מען שיקן,
צו דער מאַמע—אונדזער בּרודער...

— „ווידער קומען די בּורזשויעס,
— „ווידער קומען די פראַנצויזן,
— „ניט קיין אַרבּעט וועט מען האָבּן,
— „ניט קיין בּרויט
— „און ניט קיין הויזן!"...

איבער לאווע ס, איבער שטרעקנ, איבער שווארצע קאָרידאָרנ,
ווי אפ פלינקע וואגאָנעטקעס איז א קלאנג ארומגעפאָרנ...

האָבנ „זיוזיקעס" אונ פליערס אונ שיקורים אונ בארייַסערס
זיכ צעשאָטנ אינ דער שאכטע אונ געשאָטנ וויסטע מייַסעס...

— „ס'האָט די ראטנמאכט פארקויפט אונדז" —
האָט קלימענקאָ זיכ צעשריגנ...
— „מ'האָט פארקויפט די רעוואָליוציע!
— „פארמאכאָרעוועט די זיגנ!

— „טאָר דער ארבעטער ניט שווייַגנ! טאָר דער ארבעטער ניט שלאָפנ!
— „ס'איז ניטאָ צו וועמענ ריידנ, ס'איז ניטאָ אפ וועמענ האָפנ!

— „ווער האָט אויסגעטראכט מאשינעס?
ס'איז דאָכ בלויז א וויסטער פאָרטל
אפ אראָפּברענגענ די אלטע באלעבאטימלעכ פונ דאָרטנ!"

איבער לאוועס, איבער שטרעקנ איז דער קלאנג ארומגעפאָרנ,
אז צום אלטנ שובינס מאמע וויל מענ שיקנ די שאכטיאָרנ...

פלוצלינג הערנ קאָמוניסטנ, פלוצלינג הערנ קאָמיוגיסטנ,
ווי עס זשומענ אינ דער שאכטע קוילעס שיקערע אונ וויסטע...

ווי די געלע קלימענטשוקלעכ הייבנ אָנ די צינגלעכ שארפנ,
ווי מע פלוידערט, ווי מע פילדערט,
ווי מע רופט די ארבעט ווארפנ!

— „שאט! איר וויסטע באלעגופים!
— שאט, איר כוליגאנסקע קאָנטרע!
וואָס זענט איר אהער געקומענ אונדזער גרויסע ארבעט פלאָנטענ?

— „וואָס זענט איר געקומענ מוטיענ?
וואָס זענט איר געקומענ שטערנ?
— ניט די באלעבאטים פאָרנ, ס'פאָרנ דייַטשנ־אינזשענערנ!

— „באלעבאטים זײַנען מיר דאָ!
אונ די דײַטשנ פאָרג דינענ!
אונ קעדיי אונדז לײַכטער מאכנ — שיקט די ראטנמאכט מאשינעס!"

אפ אנ אלטער וואגאָנעטקע האָט אזוי גריניוק געשריגנ.
— „איר פארקויפט די רעוואָליוציע,
פארמאכאָרעוועט די זיגנ!"

אפ קלימענקעס אונ גריניוקעס האָט צעשפאלטנ זיכ דער אוילעם.
ס'האָבנ ליידיקע וואגאָנעס ניט דערווארט זיכ אפ קיינ קוילנ...

נאָר גריניוק האָט אלצ געשאָטנ ווערטער הייסע, ווערטער נײַע.
האָט קירילע זיכ פארטײַעט, איז קלימענקאָ ניט געסטײַעט...

איבער לאווער, איבער שטרעקנ איז דער קלאנג ארומגעפאָרנ,
ס'האָבנ „זיוזיקעס" געשפרייט אימ איבער שווארצע קאָרידאָרנ...

.11

ווער זײַנענ זיי, די זיוזיקעס,
די פליערס, די שיקורימלעכ,
די זינדעלעכ פונ יוזעפקע,
לאמטערנדיקע צורעלעכ?

ווער זײַנענ זיי?
ווער זײַנענ זיי
מיט צינגלעכ־קאטערינקעס?
מיר קענענ זיי!
מיר קענענ זיי
די רײַסערס מיט די פינקעס!

אמאָל נאָר אפ א נאָווינע
זיי דיכטנ אינ קלאָזעטנ,
אפ די שווארצע טאָוועלעכ
הענגענ די פּאָרטרעטנ...

א פארבורעטנ וואגאָנ
שלעפנ מיידלעכ צוויי,
אונ דער זיוזיק וויטראָהאָנ
טשעפּעט זיכ צו זיי...

טוט א היפּע נאָר א סקריפּע —
אָט די אלטע מוזיקע;
פאר א זידל, פאר א היפּע —
א בויקאָט
די זיוזיקעס!

ווייַזנ מיידלעכ אימ דעמ וועג:
קאטשע זיכ אפ קאָנקעס!
טוט דער זיוזיק זיי א דעק:
— פינצטערע קאפּטשאָנקעס!...

לאכנ מיידעלעכ די צוויי,
אונ דער זויזיק זידלט,
ביז ער טראָגט זיכ אָפּ פונ זיי
מיטנ אלטנ
לידל:

Голубочек, голубочек,
Не лети на теремок,
Ты лети на здание,
Там мое страдание!

גייענ מיידעלעכ פארבײַ,
געבנ מיידעלעכ א שפײַ:
— טפו!

א פויליאק איז א גאנעוו:
ער גאנוועט די צײַט,
די גאָלדענע צײַט
באמ פארבאנד.
א פויליאק איז א גאנעוו:
ער גאנוועט די צײַט
אונ גאנוועט די קוילנ.
א שאנד!

וועגנ די,
אָט־אָ־די —
וועגנ וואָס,
וועגנ וועמענ דאָ מעלדנ?
אַהינ מיט א קני!
אונ א שפײַ אונ פארבײַ.
אונ אינ צענטער —
די מי אונ די העלדנ!

.12

א לויב צו די העלדנ פונ אלע באָלשעוויסטישע פראָנטנ,
די העלדנ, וואָס שאפנ אפ ליידיקע פלעצער די גרעסטע געבײַען,
די העלדנ, בא וועלכע די מי איז דער זוניקסטער יאָנטעוו,
די העלדנ, וואָס קומענ אונדז אלע פונ שטרוי אונ פונ דרימל באפרײַענ!

דאָס לאנד דארפ וויסנ זײַנע העלדנ!

ווער זײַנען די העלדן פון שטאָל און פון קוילן, פון ברויט און פּאָעמעס?

ניט יענע, וואָס קינסטלער מיט פּראָסט אין די אויגן באַמאָלן אַף „ברייטע געוואַנטן"
ניט יענע, וואָס קוקן אַרויס פון די ביכער, ווי הילצערנע סכעמעס.
א ליבע צו די העלדן פון אַלע קאָלווירטן, פון אַלע גיגאַנטן!

דאָס לאַנד דאַרף וויסן זײַנע העלדן!

ווער זײַנען די העלדן, וואָס ציִען די פעדים נאָך הער פון סיביר אָן,
וואָס האָבן אַף נעכט פעטערבורגער צעפּלאַמט מאַרסעליעזעס,
די אַלע, וואָס הייבן אַצינדערט די שוואַכע אַף לעבנס בוקסירן,
די העלדן פון קײַלע,
פון האַמער,
פון טראַקטער,
פון פּרעזער!

ווער זײַנען די העלדן?

ווער זײַנען די העלדן, בײַ וועלכע די קעפּ האָט דער זילבער באַשלעגלט
אין באָלשעוויסטישע שלאַכטן, אונטער די לעבנסשע פאָנען,
וואָס האָבן אין טעג פון אָקטיאַבער אַף קעפּ פון די הענקער
צעשלײַדערט דעם האַס פון יאָרהונדערט,
דעם האַס פון מיליאָנען?

ווער זײַנען די יונגע פּאַלאַנגעס,
וואָס קאָמיוג האָט צעשיקט אַף די פראָנטן
אין אַלע גיגאַנטן,
אין אַלע קאָלווירטן,
אין דאָמנעס, אין שאַכטעס,
וואָס זײַנען געקומען די שטעט און די דערפער אין יוגנט אין לענינשער אָנטון
און שטייען אין צענטער פון לעצטע אַנטשיידענע שלאַכטן!

דאָס לאַנד דאַרף וויסן זײַנע העלדן!

ווער זײַנען די העלדן, וואָס ראַמען פון דוירעס דעם זשאַוער,
די העלדן פון רעלסן טורקסיבער, פון פלאַם דניעפּערבויער, פון שאַכטעס דאָנבאַסער,
ווער זײַנען די העלדן פון שאַכטע „ענערגיע״, די העלדן פון לאַווע,
ווו ס'אַרבעט גריניוק און שאַשווילי, גילבור און פאַנאַסיק?

א לויב צו די העלדן!

.13

דער פרײלעכער פאַסטעך פון „נאָווא הראָמאַדא״, פאַנאַסיק,
האָט פאַרלאָזט אַף די בלײַקע לאָנקעס זײַן לאַנגע סופּילקע,
און די געלע בעהיימקעס פאַרלאָזט האָט דער פאַסטעך פאַנאַסיק,
און די ביקלעך די דיקע פאַרלאָזט האָט דער פאַסטעך פאַנאַסיק.
די יונגע יאַטשייקע, דעם טאַטנס דעם אַלטנס, די קלוניע, די כאַטע
פאַרלאָזט האָט דער פאַסטעך פון „נאָווא הראָמאַדא״, פאַנאַסיק...

עס האָט אים פון ווײַטנס געשראָקן די שטאָט מיט די שלאַנגיקע גאַסן,
די שאַכטעס די ווײַטע אים האָבן פונווײַטנס געשראָקן,
ווען ס'האָט אים די יונגע יאַטשייקע געמאָלדן: „פאַנאַסיק,
ווּעסט ווערן אַ שלאָגלער אין שאַכטעס, אַף פּראָנטן אַף נײַע,
ווּעסט גראָבן די קוילן פאַר גרויסע זאַוואָדן, פאַר צוגן, פאַר לעקטריע״.
עס האָט זיך דער פאַסטעך פון „נאָווא הראָמאַדא״ דערשראָקן
און אַנטלאָפן צום מיידל מיט זוניקע לאָקן, מיט מאַלינע־ליפּן — נאַסטאַסיע...

זי האָט ניט געוויינט מיט קיין ביטערע טרערן, ווי אַנדערע מיידלעך.
זי האָט אים באַלייט זיבן ווערסט צום וואָקזאַל מיט דער סטעזשקע.
עס איז איר אַפילע געפעלן, וואָס איר אַלטער באַקענטער פאַנאַסיק
וועט גראָבן די קוילן פאַר גרויסע זאַוואָדן,
פאַר צוגן און אויך פאַר דער לעקטריע.
זי האָט אים באַלייט זיבן ווערסט צום וואָקזאַל מיט דער סטעזשקע...

אַליין איז נאַסטאַסיע געגאַנגען פון וואָקזאַל מיט אַ טרער אַף די וויִעס,
און ס'האָט אין פאַטשיילקע געשוויגן ט'קאָמיוגישע ביכל...

און ווען מ'האָט אין דער גראַמער לאַמפּאָווע צום ערשט אים אַ לעמפּל געגעבן,
האָט ער זיך, פאַנאַסיק, דערמאַנט אין זײַן לאַנגער סופּילקע,

ער האָט זיך דערמאנט אין זײַן געלער בעהיימקע, דער כאטע, נאסטאסיען,
און ס׳האָבן די אויגן אין גראמער לאמפּאָווע באגעגנט קירילקען...
ווי קומט ער אהערצו, קירילקע, דעם שיקערס סינאָקל ?
דעם שענקערס, דעם שיקערס, טערעשקעס סינאָקל ?

מע גיט אים א לעמפּל, קירילקען ; פאַרוואָס איז זײַן העמדל צעריסן ?
פאַרוואָס זײַנען שטיוול געלאטעט באם שענקערס סינאָקל, קירילקען ?
און ס׳מאכט זיך קירילקע : ער ווייסט ניט, וואָס הייסט עס פאנאסיק.
און ס׳קלערט זיך פאנאסיק : וואָס טוט מען עס דאָ מיט קירילקען ?
מע האָט אין פאַרשיידענע ווינקלען צעפירט זיי, צעטיילט זיי,
און ס׳האָט באַ פאנאסן פון אויגן קירילקען פאַרטריבן...

דער פרײַלעכער פאסטעך פון „נאָווא הראָמאדא״ פאנאסיק
האָט לאנג ניט געלערנט אף קורסן צו ווערן א שלאָגלער,
און ווען מ׳האָט אין לאווע אין לאנגער און שווארצער געבראכט אים,
האָט אים דער אלטער גריניוק מיט א ברייטן „זדראַוואָ״ באגעגנט...
ער האָט אים גענומען צו זיך אין דער יונגער בריגאדע,
ווו ס׳האָבן זיך שפּראכן, פאַרשיידענע שפּראכן געמישט און געקייטלט,
ווו ס׳האָבן זיך יאטן פון קאנטן פון ווײַטע באגעגנט
און האָבן איין שפּראך פון פאַרשיידענע שפּראכן געקנאָטן...
אָט דאָרט האָט פאנאסיק דערוווסט זיך, וואָס הייסט עס א שאכטע,
א כאווער א גוטער, א לערער — דאָס מיינט ער גריניוקן...

און ס׳האָט זיך פאנאסיק דערוווסט פון כאווײרים, פון שכײנים פון גוטע,
פון יאשקעלע גילבור, דעם יאט פון דער גרינער פּאָדאָליע,
אָט דעם, וואָס קאָמיוג האָט געזאָגט : ס׳איז גענוג, כאווער גילבור,
אין די קנעפּלעך־ארטעלן, די וואסער־ארטעלן דאָרט בײַדיקעס שלאָגן,
געקומען די צײַט דו זאָלסט ווערן א שלאָגלער אין שאכטע,
זאָלסט גראָבן די קוילן פאַר גרויסע זאוואָדן, פאַר צוגן,
פאַר פלענער פון פינפיאָר...
און דאָ האָט פאנאסיק באקענט זיך מיט כאווער שאשווילי,

וואָס קומט פון א ווײַטן גרוזינישן דערפל לעם טערעק,
און דאָ האָט פּאַנאַסיק באַקענט זיך מיט פרײלעכע יאַטן.
זיי האָבן דערקענט זיך, די קינדער פון גרויסער מישפּאָכע,
פון שטאַרקע מיליאָנען קאָמיוגישע דרייסטע קאָהאָרטעס...

אזוי האָבן אלע געאַרבעט אין לאַווע בעראָש מיט גריניוקן,
אזוי האָבן שלאָגלער געליבט זייער לאַווע בעראָש מיט גריניוקן.
אָט דאָ שטייען אלע און האַקן און קלאַפּן די פּלאַסטן,
דער יאַט פון פּאָדאָליע דער גרינער, דער פרײלעכער פּאַסטעכ,
די קינדער פון שטאַרקער מישפּאָכע, די קליינע בריגאַדע,
און נאָכעט, און נאָכעט, און נאָכעט בעראָש מיט גריניוקן,
און ס'פּאַלן אין לאַווע די קוילן ווי הליבעס פון צוקונפט!...

.14

א הודאָק.
א פײַפ טוט א פלי און א פאַל
אפ די בערג, אפ די גריבער...

דער פײַפ האָט געדרייט זיך, געלאָפן,
דער פײַפ האָט געדרייט זיך, געפּיבערט,

דער פײַפ האָט גריניוקן געטראָפן,
ווען ס'איז שוין זײַן נאָרמע אריבער...

גענוג.
די, וואָס אײַלן, קאָנען גייען...
גריניוק האָט צײַט,
ער אײַלט זיך ניט פון שווארצע גאַלערייען
„נא האָרא"...

עס פאַלט דער ראש...

— זאָג מיר, כאווער גריניוק, —
טוט פאנאסיק א פרעג,
יאשקע גילבור פרעגט אויך,
דער שטויב־טונקעלער רויך
טוט א שווים אפן שטרעק...

— זאָג מיר, כאווער גריניוק, —
טוט די יוגנט א פרעג,
— זאָג מיר, כאווער גריניוק,
כ'בין אין שאכטע א וואָך
און א יאָר אין קאָמיוג...

— שאכטיאָרן ריידן ווינציק, פרייַנט,
שאכטיאָרן האָבן ריידן פייַנט...

איר זענט נאָך יונג, איז הערט און ווייסט:
— די וואסער, וואָס רינט דאָ, איז אונדזער שווייס...

און יעדער קויל און יעדער שטיין
איז אונדזער לייַב און אונדזער געביין...

גריניוק טוט א זשמורע דאָס לינקע אויג
און ס'טוט זיך זייַן אקסל א בויג...

— שאכטיאָרן ריידן ווינציק, פרייַנט,
שאכטיאָרן האָבן ריידן פייַנט!

גריניוק טוט א דריי
מיטן זילבערנעם קאָפּ,
נאָר ס'טרעטן די כעוורע
ניט אָפּ:

— ווער האָט דער ערשטער
די קוילן דערזען?

און:
— ווער איז דער ערשטער
זאבוישטשיק געווען?

צי דערציילט האָט גריניוק,
צי דערציילט האָט ער ניט,
די צייַט האָט די שיינע געשיכטע
פארהיט.
און אזוי איז געשען,
און אזוי איז געווען:

.15

דאָרט, ווו סטאלינע ליגט אצינד,
האָט געיאָגט און גענישטערט א סטעפּישער ווינט.
דער ווינט האָט געוויית,
און ס'האָבן זיך סטעפּישע פעלדער געשפרייט...

זעסט:
דאָ שטייען איצט מויערן וואָגיק און פעסט,
דאָ האָבן זיך גאסן צעלייגט אין דער לענג,
און ס'איז זיי דאָ ענג,
לויפן זיי
וויַיטער
פארכאפּן
דאָס פעלד,
זיי האָבן שוין שטיינערנע נעצן געשטעלט,

און ווי א שטאָלענער היטער דער שטאָטס,
שטייט דאָ דער סטאַלין־זאַוואָד...

אנטקעגן דער זון
גייט פון די דאָמנעס דער רויטער טשוהון...
און אונטער די כוואַליעס פון גלייכן פּאָן
האָט זיך די בּויונג געגעבּן א לאָז:
גלאָז און בּעטאָן,
בּעטאָן און גלאָז...

געווען איז דאָ פעלדער, געווען איז דאָ גראָז
מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן צוריק,
דאָ ווו די גאַס און דאָ ווו דער בּריק,
דאָ ווו מע לויפט און מע זינגט און ס'איז ראַשיק —
האָט מען בּעהיימעס געפּאַשעט...

אזוי איז געשען:
דער ערשטער שאַכטיאָר איז א פּאַסטעך געווען,
ער האָט דאָ אין שטילקייט געפּאַשעט די פי.
געווען איז נאָך פרי,
איבּער בּלייכע לאָנקעס
האָט דער פּאַסטעך געבּלאָנקעט —
בּאַקוקן דאָס פעלד און דעם שיינעם בּאַגינען,
א בּלימל געפינען,
און עפּשער געפינען א שטיינדל א שיינס,
און עפּשער א קוועלעכל וואַסער א ריינס...

עס מאַכט זיך: מע בּלאָנקעט אַרום,
ס'איז פרילינג,
ס'איז זון
אומעטום.

די קעלבעלעך שטייען און קײַען. די שאָף
נורען זיך איינע צו צווייטער אין שלאָף.
און ריטשקעלעך הורטשען און לויפן אין טאָל,
ווי סטענגעלעך שמאָלע,
עס הוידען זיך ווערבעס אף דינינקע פיס...

מע ווייסט שוין געוויס:

דער ערשטער שאכטיאָר איז א פאסטעך געווען
און ער האָט דער ערשטער
די קוילן דערזען...

ער גייט זיך אזוי
איבער פרײַקן טוי,
טוען זיך פלוצלינג די אויגן א הייב,
זעט ער א שטויב, א פאסיקל שטויב...

לויפט ער, דער פאסטעך, און זעט: ציט זיך דער שטויב
און דרייט זיך
אין קנוילן.

ער האָט ניט געוווסט, אז ס'איז קוילן!

דערנאָך האָבן אלע געוווסט...

עס זײַנען פון בעלגיע, פון פראנקרײַך, פון ענגלאנד
געקומען מאגנאטן
און האָבן פאר וויסטע פיאטאקעס
גאנצענע דערפער געקויפט...

אזוי זײַנען שאכטעס —
געבײַען פון צוקונפט —
געוואָרן פאבריקן פון קנעכט...

מע האָט אים געשאָלטן, דעם ערשטן שאכטיאָר,
ווען ס׳האָט זיך אן אופרײַס,
א סרייפע צעבּרענט.

אין שטענדיקן הונגער, אין שטענדיקע נעכט
האָבּן פרויען געבּראָכן די הענט,
מיט קלאָלעס באשאָטן דעם ערשטן שאכטיאָר,
וואָס האָט יענע טפיסעס אנטפּלעקט,
וואָס האָט יענעם געגעם אנטדעקט...

דערנאָך האָבּן אלע געוווּסט...

ניט איינער, בּראַטישקע,
ניט איינער
האָט פארמויערט זײַן בּרוסט,
האָט דאָ די בּיינער
פארלאָזט...

און איצט אין זאַבּוי, ווען די קײַלע שרײַט,
ווען ס׳פאלן די הרודעס אין לאַוועס פארשײַט,
ווייסטו ניט...
ס׳פאלט א קויל צי א שטיין,
צי ס׳פאלט א שאכטיאָרישער שווארצער בּיין...

.16

ס׳איז ניט קיין צײַט
פאר ראָמאנטיזם!
ניט ער וועט דינען אונדזער בּרען.
נאָר ווער עס וויל
דעם פריִער ניט וויסן —
דער וועט דעם מאָרגן
ניט דערזען!

ס׳וואָלט זייער שווער געווען פארשטייען,
ווי ווײַט מיר זײַנען שוין!
ווי ווײַט!
ווען מע פארגעסט פונוואנען גייען
די קלוגע וואָרצלען פונעם שטרײַט...

מיר זײַנען ברייט
מיט הײַנט
באלאָדן!
מע קוקט פאָרויס
און ניט צוריק!
נאָר די געשיכטע פון זאוואָדן
נעמט שאפן
הײַנט
דער באָלשעוויק!

געשיכטע? גוט!
נאָר עפעס ווײַטלעכס,
א ווײַטער ברען דעם קאמף באשײַנט.
מיר ווילן וויסן קלאָר און דײַטלעך,
וואָס אין „ענערגיע"
טוט זיך הײַנט!

.17

...און די לאנגע לאווע ציט זיך, ציט זיך ווײַט,
די שאכטיאָרן זיצן, זיצן אף דער זײַט...

ס׳איז די לאווע לאנג
און ס׳איז די לאווע ענג,
און די לעמפלעך פינקלען, פינטלען
אף דער גאנצער לענג...

און די קײַלעס אונטער לעמפּלעך בליאסקען ווי נ'א שפּיל,
און די סטעליע אין דער לאווע —
סאמע בא דעם דיל...

הײַ, זשעלאָנגע, הײַ, זשעלאָנגע!
טו דעם פּלאסט א שניט,
זאָלן פּעטע קוילן פאלן ווי דער שווארצער צוויט...

זאָלן פּעטע קוילן פאלן —
גוטער אנטראציט...

אין דער לאנגער לאווע איז די לופט צעגליט...

אין די הענט א שווארצער פּלאקער — איז דער אָטעם הייס,
שווארצע פּינטעלעך פון קוילן מישן זיך מיט שווייס...

ווערט דער אָטעם הייסער, הייסער — איז דאָס העמד אראָפּ,
נאָר א היטל ווי א טעלער וויגט זיך אפן קאָפּ...

נידעריקע סטעליע,
גלאנצנדיקער פּלאסט,
גליטשן זיך די קוילן
אפּ דער לאנגער גאס...

הירזשען די זשעלאָנגעס
גלײַך און צעקאסט:
נידעריקע סטעליע,
גלאנצנדיקער פּלאסט.

שארפע קײַלע,
שארפע הענט,
פאלן קוילן
פון די ווענט.

נאָך אַ קלאַפּ
און נאָך אַ שניט,
שיט זיך גוטער
אַנטראַציט!

.18

ס'איז די לאַווע לאַנג
און ס'איז די לאַווע ענג,
און די לעמפּלעך פינקלען, פינטלען
אַף דער גאַנצער לענג...

און דער שליטלער מיטן שליטן
— שליטל, שליטן, היי!
פּאָר אַרויף און פּאָר אַראָפּ
איבער שוואַרצן שניי!

גוטע קוילן פיר פּאַמעלעך,
כאַפּט דער רוך דעם גליי,
פּאָר אַרויף און פּאָר אַראָפּ
איבער שוואַרצן שניי.

פולע שליטנס פיר פונדאַנען,
גיכער פיר אַוועק
צו די פּוסטע וואַגאָנעטקעס,
צו דעם לאַנגן שטרעק!

שלעפּט ער פולע שליטנס קוילן,
אָטעמט שווער זײַן ברוסט,
ווען ער קומט צוריק צו פּאָרן —
איז דער שליטן פּוסט!

אין דער לאווע,
אין דער לאווע
איז ניטאָ קיין ליכט.
אין דער לאווע,
אין דער לאווע
איז די לופט געדיכט...

קיינער קאָן ניט, קיינער קאָן ניט
שטייען אפ די פיס,
מוז מען שטיין דאָ, מוז מען גיין דאָ,
קריכן אפ די קניִעס...

ס'איז די לאווע
שמאָל און פינצטער,
ס'איז די לאווע לאנג,
נייַנציק מעטער אפ די קניִעס —
פאָלג־זשע מיך א גאנג!

.19

ווער־זשע קריכט עס
אפ דער זייַט?
וועמעס לעמפל
ווינקט
פון ווייַט?

וועמעס לעמפל
ליפט און לאכט?
וועמעס לעמפל
רייַסט
די נאכט?

דאָס האָט זיך גריניוק פון דער ווײַטקײַט געטראָגן:
— מיר מוזן, מיר מוזן די נאָרמע דעריאָגן!

עס שטייט אונדזער שאכטע אפ טאָוולען פארשריבן
מיט שעדלעכע, שענדלעכע זיבעציק זיבן!

עס ווארטן וואגאָנעס בערויגעז און ליידיק,
די בעסטע שאכטיאָרן זיך שלאָגן ווי שיידים...

און דאָ איז געקומען די ארבעט פארפענטעטן
קלימענקעס בריגאדע, וואָס פעסטיקט די ווענטלעך...

ער האָט אין א לאווע די סטעליע געקרעפּעט,
אז סטעליע שיר ניט געזעצט זיך אפ קעפּ האָט!

ווו זײַנען זיי אלע, די פײַנע שאכטקאָמען?
ווו זײַנען זיי אלע, דער רוב ווייסט דעם נאָמען?...

א נײַער פראָצענט איז זיי זייער געפעלן,
נאָר ווער וועט די קלעצלעך אין לאווע צעשטעלן?

און ווער וועט די גילדענע ארבעט באקוקן,
אז ס'זאָל זיך די סטעליע ניט זעצן אפ רוקנס?

א פײַנע בריגאדע באם כאוועד קלימענקאָ:
אן אוילעם אזא וועט די שאכטע געדענקען!

עס מעג בא קלימענקען זײַן פארצעפּ זיך רויטלען,
א וויכטיקע ארבעט
קלימענקען
פארטרויט מען;

פעסטיקן ווענטלעך מיט דרענגלעך און דריקלעך,
אַניט וואָלטן ווענט זיך צעפּאַלן אַף שטיקלעך...

און ס׳וואָלטן מיט הליבעס פאַרשאָטן געוואָרן
די לאַוועס,
די קוילן,
די ווענט,
די שאַכטיאָרן...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג פירט אַוועק דער קאָנווייער,
ער סקריפּעט, ער כריפּעט, דער נײַער קאָנווייער...

ער פילט זיך דאָ איינזאַם, דער נײַער קאָנווייער,
ער פילט זיך פאַרלאָזט דאָ, דער נײַער קאָנווייער.

אין שכיינישע לאַוועס זיך שיטן און שיטן
די קוילן די פעטע אַף פלאַטשיקע שליטנס...

אין שכיינישע לאַוועס צעפּיקן די שטיינער,
די קוילן צעפּיקן זשעלאָנגישע ציינער...

און היימיש צעקלונגען זיך קײַלעס אין לאַוועס,
און היימיש צעפאָרן זיך שליטנס פון לאַוועס...

עס טראָגן זשעלאָנגעס אַף שפּיצן די ציפערס,
און ס׳רוקן זיך אויוונס אַלץ טיפער און טיפער...

עס טראָגן זיך שליטנס, אַז ס׳טרעשטשען די דעכער,
און ס׳שרײַען די קוילן אַלץ העכער און העכער...

אין לאַוועס אין אַכטער, אין נײַנטער, אין צענטער
כראָפּען און כריפּען מאַשינעס געפּענטעט...

און ס'טראָגן רישטאַקעס דעם דורכרײַס צו שטרעקן,
און ס'לויפן די שוואַרצע יעדיעס אַפ שטרעקעס...

ציִען זיך לענגער די פינצטערע אויוונס,
נאָר ס'וואַקסן די שוואַרצע, די פינצטערע כויוועס...

עס ווייסן שוין אַלע און אַלע געדענקען:
ס'איז שולדיק די וויסטע בריגאַדע קלימענקעס...

זי פעסטיקט אַזוי, אַז מע פּרוּווט נאָר אַוועקגיין,
הייבט אָן די וואַנט פונעם אָרט זיך באַוועגן,

הייבט אָן די סטעליע
פון לאַווע
זיך רוקן
אַפ מידע,
אַפ שוואַרצע
שאַכטיאָרישע רוקנס...

... און הײַנט אינדערפרי האָט געטראָפן אַזוינס דאָ:

דער שטרענגער „אײַקהאָפּ" האָט מיט אײַזערנע פויסטן
גענומען דעם פּלאַסט,
זײַנע קוילן געפאַלן,
עס האָט דער קאָנווייער
געוויגט זיך
געהוידעט,

און קוילן געשלעפּט
צו דעם שטרעק,
צו די שפּאַלן...

... איז הײַנט אינדערפרי, ווענ קלימענקעס כעוורײַע
מיט הירשקענ, קירילענ אונ נאָכ א פּאָר נײַע
האָבנ די לאווע מיט ברעטלעכ געפּעסטיקט,
האָט פּלוצלינג די סטעליע גענומענ זיכ פּעסטענ,
די בּרעטער זיכ בּויגנ,
די דריקלעכ זיכ בּוקנ.
איז גלײַכ די יעדיִע אוועק צו גריניוקנ...

אונ ביז מ׳האָט גריניוקנ אינ שאכטע געפונענ,
האָט שוינ די סטעליע
געפּרעסט
די מאשינענ...

האָבנ שוינ קוילנ אליינ זיכ געקרישעט,
האָט שוינ דער שטויב די מאשינעס גערושעט...

די רעדלעכ, די שרויפנ, ווי שטיקלעכ פונ לעבנ,
האָבנ געדריקט זיכ צו אײַזערנע רעבּרעס...

דאָס הארצ האָט א זשיפּע געגעבנ אונ... ענדע...
איז ווער־זשע רופנ, צו ווער זיכ ווענדנ?

קלימענקעס בּריגאדע ז׳אוועק פונ דער לאווע,
דער ערשטער ז׳געלאָפנ דער שיקער כאליאווע.

געלאָפנ, געשאָטנ דעם שיקערנ אָטעם:
— „אָבוואל״! —
איז ניט שײַעכ!
— „אָבוואל״? —
איז טשעוואָ טאמ!

— „ס'וועט קיינער דאָס לעבן ניט וואַרפן אין פייער.
— „די זשיסט איז אונדז טייער!"

וואָס דארף ער, כאַליאַווע, די וויסטע מאשינע?
ער דארף אף א פערד אף א גוטן פאַרדינען,
און הײַדא צוריק אינעם דערפל „הראָמאַדע".
וואָס גייט זי אים אָן,
אָט די גאנצע בריגאַדע?

קלימענקעס בריגאַדע איז אַוועק פון דער לאַווע,
דער ערשטער ז'געלאָפן
דער שיקער כאַליאַווע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

געלאָזט האָט קלימענקאָ קירילען און אויך וויטראָהאָנען,
און זאָלן זיי הערן די ריידעס פון זייערע סאָנים...

„מע דארף זיך באהאַלטן און ליגן אין אויוון און קוקן.
און ווען מע וועט דאַרפן,
און ווען מ'עט דאַרפן —
איז ברעכן דעם רוקן!

„ווײַל ס'האָט זיך אהערצו דאָס רוכל, דער „שובין", פאַרנאַדעט
און האָט זיך גענומען אף אונדזער בריגאַדע...

דערבײַ טוט קלימענקאָ א כיטרעווע: „כאַוער, —
דער שובין אָט דער איז —
גריניוק
פון דער שכיינישער לאַווע!

ער וויל מיט מאשינעס די שאַכטע „ענערגיע" באַזעצן,
אז מיר זאָלן דאַרפן די הויזן די לעצטע פאַרזעצן...

„און אונדז זאָל מען אַלע ווי הינט פֿון דער שאכטע צעטרײַבן,
און ער זאָל אַליין מיט די וויטטע מאשינעס פארבלײַבן...

„און מיר זאָלן שטארבן פֿון הונגער, — מיר וויסן די שטוקעס,
און ער זאָל דירעקטער דאָ ווערן, פֿאדליוקע...

„וואָס איז ער, ווער איז ער — א שלאָגלער? וואָס איז ער?
ער קריכט פֿון דער הויט, ווײַל ס'א ווערדנע פֿאָדליזע!"

אוועק איז קלימענקאָ.
דער „שטאָלצער אייקהאָפֿ" איז געבליבן
מיט א טויטן מאָטאָר און מיט שווײַגיקע אײַזערנע ליפּן...

עס האָבן די הרודעס
די טויטע מאשינעס
געכאפּט פֿארן גאָרגל,
עס האָבן די הרודעס, ווי כײַעס צעקאסטע,
געדריקט זי, געוואָרגן...
געדריקט זי, געכראָמקעט,
ווי ס'כראָמקען צעווילדעטע כײַעס
א יעגער, וואָס האָט זײַנע קוילן צעפּאטערט...

דער שטאָלצער „אייקהאָפֿ" איז געלעגן
פֿארדושעט,
צעטראָטן,
מיט קוילן פֿארמישט
און מיט ווילדע פּאָראָדעס פֿארשאָטן...

גריניוק איז געקומען. ס'איז קיינער ניטאָ דאָ.
א לויכט מיטן לעמפּל.
עס פאלט די פּאָראָדע.

די לאווע פארוואלגערט מיט קוילן און שטיינער.

— קלימענקאָ!
— קלימענקאָ!

עס ענטפערט ניט קיינער.

ער קאָן דאָ ניט שטיין. ער וועט דאָ ניט בלייבן.
ער וועט די קולאקישע זינדלעך צעטרײַבן!

צו וועמען דאָ ריידן? צו זיך אליין רעדט ער...
ער לויפט צום פארוואלטער.
אָט — וועט ער!
אָט — וועט ער!

און פלוצלינג א קלאפּ.
דער לאָמפּ איז פארלאָשן,
די קײַלע — אראָפּ.
דער לאָמפּ איז ניטאָ שוין.

א זאק אפן קאָפּ.
מע בוכקעט אין רוקן.
מישט זיך דער שווייס מיטן בלוט
אפּ גריניוקן.

— „וואָס שלאָגט איר? פאר וואָס?" —
האָט גריניוק שוין געכריפּעט.

ווי שטויב אונטער קײַלעס צעשיטן זיך היפּעס.
און שיקערע קוילעס: „דו האד! דו האדיוקע!

„ווילסט ווערן פארוואלטער?
מיר ווייסן די שטוקעס!

„דו ווילסט מיט מאשינעס די שאכטע באדאָסנ!"..
פונ קאָפּ אונ פונ האלדז האָט דאָס בלוט זיכ געגאָסנ...

.20

ניטאָ איז שוינ קיינער. גריניוק איז אליינ נאָר
מיט בלוט אפ די נעגל, מיט כרוסט אינ די ביינער...

ער האָט זיכ געקראפּקעט מיט וועגנ באקענטע.
די מידקייַט, דער ווייטעק האָט שטומ אימ געפּענטעט...

פונ פינצטערער ווייַטקייַט צעטראָגנ זיכ אייַליק
דאָס הורטשענ פונ וואסער, די קוילעס פונ קייַלעס...

אָט זעט ער שוינ שאָטנס מיט לעמפּלעכ באפלעקטע,
אינ בלוט אונ אינ ווונדנ די הענט זייַנע שטרעקט ער...

ער וויל א געשריי טאָנ, ער וויל נאָר א רופ טאָנ —
די הענט בלייַבנ הענגענ אפ שטויב אינדערלופטנ...

דאָס הארצ ווי א באָמבע, די צונג ווי א פייַל איז.
אינ פינצטערניש כריפּענ די קוילעס פונ קייַלעס...

צווייטער טייל

.1

קוילן!
פינקלדיקע קוילן,
לאכנדיקע, כוואליקע,
ווײַסע קוילן,
וואָס גייען מיט רוישיקע מאכנעס פון טיפע,
פון יאמישע קאנטן,
קוילן, וואָס קענען זיך שפילן בארוטע אף זאמדן
פון ברעגיקע ראנדן,
קוילן, וואָס קאָנען דעם גאנג פון טורבינעס,
דעם יאָג פון מאָטאָרן באפוילן,
די, וואָס
באוועגן
בא ברעגן
די הידראָ־גיגאנטן!

לופטיקע, הימלדיקע, גליִענדיקע, געלע!
גאָלדענע קוילן, וואָס שטראָמען פון זון
און וואָס ווערן ניט מיד
אָט די בלויקײַט פון טעג
צו פארפלייצן!

זוניקע קוילן, וואָס בריִען די ערד
ביז די זילבערנע קעלט פליסט אראָפ
פון לוואָניקן טעלער.
גאָלדענע קוילן, וואָס וואַרעמען מונטער די וועלדער, די כײַעס,
די טײַכן, די בערג און די ווייצן!
קוילן! מיר וועלן אײַך צווינגען איינגיכן
דעם ערד־קויל דעם גאַנצן באַהייצן!

ווײַסע קוילן פון טײַכן, געלע — פון זון,
קוילן פון לופט און פון יאַמען,
איר שענקט פון דער טיף, פון דער הייך אײַער קראַפט
אין געפלעכט מיט די שטראָמען געדיכטע,
און ס'דאַרפן די העלדן פון קײַלע, פון לאָם
און העלדן פון. האַמער
אונטער פינצטערע ערדן ניט רײַסן די פלאַסטן,
די ווײַסע און בלויע,
מיט שאַרפע זשעלאָנגעס
און פּאַסיקלעך שײַן אַפ די שוואַרצע געזיכטער!

עס ווייסט אײַער טיף,
אײַער הייך ניט
פון לעבנס שאַכטיאָרישע טויזנטער,
וואָס האָבן די ביינער די שוואַרצע
אין שוואַרצקײַט פון פלאַסטן פאַרמויערט,
וואָס האָבן אין שטויבן פון קוילן געמישט און געלײַטערט
די בלוטן די ברויזיקע,
איבער קעפּ איבער וועמעס ס'האָט שטענדיקער פּאַכעד
און שטענדיקער אומקום געלויערט
מיט אופרײַס,
מיט טרייפע,
מיט אָפּפאַל,
מיט פלייצונג
צעשוימטער און גרויער.

און ס'ווייסט אײַער הייך,
אײַער טיף ניט דעם אַלטן שאַכטיאָרישן ניגון,
וואָס פֿלעג פֿון די שאַכטעס זיך רײַסן אין פֿינצטערע יאָרן,
איר ווייסט ניט די מאַרשן די גײַע,
וואָס מאַכנעס בריגאַדעס
אין ערדן אין טיפֿע צעוויגן,
איר ווייסט ניט די העלדן,
איר ווייסט ניט די ערע,
איר ווייסט ניט די זיגן,
וואָס ווערן אין שטרעקן,
אין לאַוועס,
אין טיפֿן
פֿון הונדערטער
שאַכטעס
געבאָרן!

.2

דער אַלטער באַן, דער גוטער באַן,
דער מעשענער גלאָק,
דער שווערער גלאָק...

דער אַלטער באַן,
קאַטשאַן, טאַ־ראַן,
טאַן, לעוויטאַן, שפּאַק, שטאָק...

דער שוואַרצער רויך. דער גרינער דאַך.
דער לאַנגער צוג.
די קײַלעכיקע פּיס.
רויש. ראַש. טראַך. טאַ־ראַך.
באַכראַך,
ליס,
קריס.

בלייִקע פעלדער. גלאנציקע לענג.
שפּאלן פארמעקן די וועגן צוריק.
ווער זײַנען זיי אלע? ווער זיצט אפ די בענק?
גובענקאָ.
סמערטענקאָ.
ברוק.
בריק.

אומענדלעכע וועלדער. הימלשער זײַד.
די לופט איז פריש.
דער וועג איז שיינ.

קוקט אפ די וועלדער, קוקט אפ דער ווײַט:
שנײַדער און גענדלער,
שטיינ, גאָלדשטיינ.

יעדער קער פונ דער צוגישער ראָד
מעלדעט: עס ענדיקט זיך גיך דער מארשרוט...
מע פאָרט און מע פאָרט
אינ סטאלינער שטאָט —
נאָך לאנגנ ארומבלאָנקענ ארבעט זיך גוט!

געגעסנ די לופט.
פארביסנ מיט שניי.
לופט אינ די טאשנ. לופט אפ די ציינ.
און ס'האָט באשלאָסנ לענינס פארטיי:
אינ שאכטעס, אפ פעלדער, אפ בויונגענ גיינ!

אָקטיאבער אפ וועגנ, אפ פעלדער, אינ רוים!
מיר האָבנ די וועגנ די שווערע די ווערט!
דער סאָציִאליזם איז מער ניט קיינ טרוים,
פאָרט מענ אים פונדעווענ דאָ אפ דער ערד!

א סטאנציע אוועק. א סטאנציע רופט.
טשאדעט דער הימל.
טשאדעט דער צוג.
גליטשן זיך רעדער, שעפטשעט די לופט:
בורטשאק,
שאָסטאק.
שטשופאק.
בארטשוק.

דער אלטער באן. דער גוטער באן.
ער ווייסט דעם וועג צו אלע שטעט.
דאָס אלטע קאָל: א בילעט איז פאראן?
א בילעט!

א בילעט איז פאראן. א ווילן אויך.
די האנט איז פעסט. דאָס קאָל איז רוי.
סווישטשען די רעדער. צייכנט דער רויך:
שעווטשענקאָ.
קאָסטענקאָ.
קאָסוי.
פאָרטנוי.

ליגן נאָך שליאכן מיט נעכטן פארצוימט,
קוקן נאָך אויגן מיט אָפּגלאנץ פון שווערד.

דער סאָציאליזם איז מער ניט קיין טרוים,
פאָרט מען אים פונדעווען דאָ אפ דער ערד!

3.

עס טראָגט זיך נאָך רעדער
די געסלעך און די היים.
זיי ווייסן. ס'ווייסט עס יעדערער:
זיי פאָרן ניט אליין.

שטיבעלעך און געסעלעך,
ליבעס און קאַמיוג,
אָוונטן פאַרגעסענע
יאָגן נאָכן צוג.

פרייד־געשרייען רעגענען.
אויגן זײַנען נאַס.
מיר לאָזן זיך אין וועג אַרײַן,
מיר פאָרן קיין דאָנבאַס!

העלדזער ווערן הייזעריק.
אויגן ווערן קליין.
— טאַטעניו, ניט בייזער זיך!
— מאַמעניו, ניט וויין.

מאַנדעלעך און ראָזשינקעס
פון דניעפּער ביזן בוג,
שטעטעלעך פאַרלאָזענע
יאָגן
נאָכן צוג...

— לאָמיר זיך געזעגענען,
מײַן שטיבל און מײַן גאַס,
מיר לאָזן זיך אין וועג אַרײַן,
מיר פאָרן
קיין דאָנבאַס!

שוועסטער, זײַ ניט אומעטיק,
טרערעלעך פאַרלעש!
לייג צונויף די קלומעקלעך,
די ביכלעך און דאָס וועש!

דערפעלעך און שטעטעלעך,
שטייט ניט באַ דער זײַט!
מיר טאָרן ניט פארשפּעטיקן,
מיר קומען צו דער צײַט!

גליטשעט זיך און שליטלט זיך
דער שלענגלדיקער פּאַס,
ברייטע פעלדער וויטען אונדז:
מיר פאָרן קיין דאָנבאַס!

.4

ווער־זשע פאָרט דאָרט? וואָס־זשע אָטעמט אַזוי שווער לאָקאָמאָטיוו?
ניט סמערטענקאָ.
ניט גובענקאָ.
ניט שעווטשענקאָ.

גיט אַ קוק:

סאָבאָליווקע, לוקאשיווקע, ראַשקעוו, דאַשקעוו און טעטיוו
פליִען מיטן צוג.
מיט די געמבעס פון די שאַכטעס טוט דאָנבאַס אַ זעץ:
הענט — אַהערצו!
גיט רעזערוון!
גיט אַהער געשווינד!

אָלוויאָפּאָל און מיראָפּאָל, גאָלטע, באַלטע און לינעץ
טראָגן זיך אַצינד
גיכער פונעםווינט.

פּאָקאָטילעוו און ברוסילעוו, יאַסלעוו, בראַסלעוו און לוהין —
ווי מיט וואָלקנדלעך געצייכנט אַפן ווײַטן האָריזאָנט...

הײַדא, רעדער.
הײַדא, רויכן!
ניט קיין באָמבעס,
ניט קיין שפּיזן,
ניט קיין ביקסן, ניט קיין ציג
פירט מען אפן פראָנט!

מאכנעס. פלאסטן. אויסגעהונגערטע נאָך מי.
ניט שמוליעוויטש.
ניט גורעוויטש.
ניט געדאַליע און פּאַנאַס.

מאָנאַסטרישטשע,
פּאָגרעבישטשע,
פּיקאָוו, שפּיקאָוו און בוקי פּאָרן קיין דאָנבאַס!

גייט אוועק א טאנץ בא געסלעך. פליעסקען צו די ווענט.
פון די העכסטע רעשטאָוואניעס פאלט און פאלט דער רוף:

— „נאט איַיך אלע! נעמט איַיך אלע פוסטעפּאַסנע הענט!"
טאנצן געסלעך. קיינער, קיינער,
זעק מיט ביינער,
מיט די שטעקלעך אף די שטיינער
מעסט שוין ניט די לופט!

הערט מען אין די ענגע צוגן, הערט מען אינדערהייך,
שאכטעס רופן: גיכער! גיכער!
פליט דער צוג געשווינד.

ווי דער לעצטער גרויער בעטלער, גייט אוועק דער רויך,
ווי דער לעצטער ארבעטלאָזער, בלאָנקעט אום דער ווינט!

.5

און אז די כעוורע זײַנען געקומען קיין סטאַלינע,
איז געווען שוין פאַרנאַכט.
דער אנשטאַלט „סטאַלינקויל" איז געווען שוין פאַרמאַכט.
זײַנען הימלען געהאנגען פאַרפאַליעטע,
האָבן הימלען געזיפּט איבער סטאַלינע
ווײַסע, צעשראָקענע שטערן...

האָבן דאָמנעס געשאָטן מיט פונקען
אין פינצטערן, הימלשן צעך,
און דער רויטינקער מאַרס האָט געווונקען
צו די פלאַמען פון סטאַלינער נעכט...

דער זאַוואָד האָט געריטשעט, געסקריפּעט,
געפּײַפט און געבייזערט זיך,
די שטאָט איז געלעגן אין גרוי-בּרוינע פלאַמען פאַרהילט,
דער רויש האָט אף רויטלעכע דעכער געטאַנצט
פאַרמאַטערט און הייזעריק...

דער זאַוואָד האָט געריטשעט, געסקריפּעט,
געפּײַפט און געבייזערט זיך,
און ס'האָבן זיך גרוי-בּרוינע פלאַמען געשפּילט
מיט פינטעלעך שוואַרצע פון קוילן...

דער טשוהון האָט זיך פלוצלינג צערעוועט,
דער טשוהון איז פון דאָמנעס געגאַנגען
מיט שטראָמען מיט לאַנגע,
דער טשוהון האָט מיט גרוילעכן גליוועך
געלייגט זיך אין זאַמדיקע פאָרמעס,
דער טשוהון האָט געקאָסט זיך, געראַוועט, געשטאָרעמט,
און איצט ווערט ער רויִק צעגאָסן
אין גרויע, פירקאַנטיקע שווערע באָלוואַנקעס.

דערנאָך וועט אים קנעטן דאָס פּינפּיאָר,
דעם שווערן טשוהונ פונעם פּינפּיאָר,
דעם מעטאַל פונעם זיג...

דער אנשטאַלט „סטאַלינקויל” איז געווען שוין פאַרמאַכט,
ס'איז געווען שוין באַנאַכט,
זיינען כעוורע געגאַנגען צוריק...
זיינען כעוורע געבליבן אָן וואַרמעס,
אָן ערטער אין גרויסע קאַזאַרמעס...

האָבן כעוורע געטײַנעט: א שיינע שטאָט, א גאָלדענע שטאָט,
נאָר ווו וועט מען שלאָפן?
האָבן כעוורע געענטפערט: א שיינע שטאָט, א גאָלדענע שטאָט,
מע וועט שוין די נאַכט איבערשלאָפן!

זיינען פּיקאָוו און שפּיקאָוו געוואָרן אין כאַס
אף דער שטאָט, אף דאָנבאַס:

— באַלײַט מיט ריידעס! באַלייט מיט מוזיק!
— וואָס איז דאָס פאַר שטיק?
— א ווילדע באַגעגעניש!
— א טײַער גליק!
— ווו זיינען די ריידעס און ווו איז די מוזיק?
— מיר וועלן דאָ ניט בלײַבן!
— הײַדאַ צוריק!

האָבן קאָמיוגיסטן געלאַכט, געזידלט זיי, געדעקט,
געלאַכט האָט די סטאַלינער נאַכט,
ווען פּיקאָוו און שפּיקאָוו זיינען אַוועק
צום טראַמוויי
און האָבן צוריק צו די כעוורע געקערט זיך אפּסניי...

איבער לאַנגן טראַקט
פון וואָקזאַל אין שטאָט אַרײַן גייט דער טראַמוויי
געפּאַקט...

פונ וואָקזאל איז אינ טראמוויַ געדיכטער,
ס'פאָרנ ארבעטער, באטראקעס, קאָלווירטלערס,
צוריק גייט ער פוסט...

די שאכטעס זיַינענ לאנג, די שאכטעס זיַינענ גרויס,
שפיַיענ זיי די פליִערס אונ באריַיסערס ארויס.
דער פליִער — איז זשאווער אפ אונדזער שווערד,
דער באריַיסער — איז קרעצ אפ דאָנעצער ערד!
פאָרנ זיי צוריק מיטנ לאנגנ טראקט,
מיט ליידיקע אויגנ אונ מיט ליידיקנ זאק...

דער טראמוויַ קלינגט.
די צעכנ הודענ.
אונטער די ערדנ
נערעקט מענ די הרודעס,
אונטער די ערדנ
פלאקערט דער שלאכט
צווישנ קיַילעס אונ פלאסטנ,
צווישנ לעמפ מיט נאכט...

שטראָמט איבער סטאלינע טשוהונענע קראפט,
קאָקסענע קראפט, שטאָלענע קראפט,
הענגט איבער סטאלינע דער הימל אינ פלאמ,
אָטעמענ די דראָטנ פונעמ טעלעגראפ,
לויפנ די דראָטנ פונ ניַיעמ פאָטשטאמט...
דער טעלעגראפ רעדט
אונ מעלדעט אונ מעלדעט אונ מעלדעט די שטעט:
— זיבעציק זיבנ!
— אכציק זעקס!
— הונדערט ניַינ!

באָדנ זיכ די ציפערנ אינ סטאלינער שיַינ.

איבער סטאלינע
זײַנע הימלענ געהאנגענ פארפאליעטע,
דער זאוואָד האָט געריטשעט, געסקריפּעט, געפּײַפּט אונ געבייזערט זיכ.
די שטאָט איז געליגנ אינ גרוי־ברוינע פלאמענ פארהילט,
דער רויש האָט אפ רויטלעכע דעכער געטאנצט
פארמאטערט אונ הייזעריק...

אונ ס'האָבנ זיכ פלאמענ געשפּילט
אפ פּעניִמער מידע, וואָס האָבנ געקוקט צו טראמווײַענ,
אפ פּעניִמער מונטערע, וואָס האָבנ געוווסט,
אז מאָרגנ וועט זײַנ שוינ אפ ווארעמעס
אונ גוטע געלעגערס אונ ברייטע קאזארמעס:
זיי האָבנ געוווסט אונ זיי האָבנ געהאָפּט,
אונ זיי האָבנ געכראָפּעט אפ ווארעמע בענק אינ א סאָד,
ארומ זיי האָט געסאפּעט, געוויגט זיכ, געקרעכצט
אונ געהודעט די שטאָט.

.6

אינ צימער איז א רויכ,
אינ צימער איז א היצ,
ווי ס'טרעפט אפ זיצונגענ (זאָל בעסער זיכ ניט טרעפנ!).
לעמ גלעקל — א פּירקאנטיקער נאָטיצ.
דאָס גלעקל טוט א קלונג.
די זיצונג איז געעפנט!

א זיצונג פונ ביוראָ.
מאזשאָרני איז אינקאס.
אונ יעדער וואָרט איז בייז,
אונ יעדער וואָרט איז שארפ:
— „מע האָט זיכ נאָכ ניט אויסגעלערנט טאקע אינ דאָנבאס
באגעגענענ די קאדרענ די נײַע ווי מע דארפ!

— „ס'איז ריכטיק דער נאָטיץ.
די צײַטונג איז גערעכט.
צו אָט די „גוטע מעטאָדן" מוז נעמען גלײַך אַן עק!

— „מע דארף עס אנערקענען: מיר ארבעטן נאָך שלעכט,
און שולדיק זײַנען מיר, ווען מע לויפט פון אונדז אוועק!

— „צי קאָן מען ניט באַגעגענען די יאטן בא דעם באַן,
צי קאָן מען זיי ניט צוגרייטן א ווינקל און א בעט,
א ווינקל און א בעטל און א ווארמעס לויטן פלאַן?
נאָר וואָס זײַנען די פּלענער,
ווען איר רעדט נאָר און איר רעדט!

— „מיר קאָנען נאָך ניט שעצן די מענטשן און די הענט.
צי קאָן מען ניט באַגעגענען די כעוורע ווי עס פּאסט,
אז יעדערער זאָל פילן: ער איז ניט אינדערפרעמד,
נאָר יעדערער זאָל פילן:
ער איז בא אונדז א גאסט?"

ס'איז מאסקים דער שאכטקאָם:
פארשטארקן דעם געוועט!
ס'איז מאסקים דער פארוואלטער:
מיר דארפן זײַן ווי שטאָל!
ניט נייטיק איז דערציילן געניי, וואָס מע האָט גערעדט,
א ליד איז, ווי מיר ווייסן, ניט קיין פּראָטאָקאָל!

דורכגערעדט זיך. דורכגעריבן.
די ביוראָ באשליסט:
„פארשטארקן" און „פארטיפערן" און „לייגן מערער אכט",
„שיקן א באַגריסונג דער צײַטונג „קאָמוניסט"
און „ענדערן די מעטאָדן טאקע הײַנט פארנאכט"...

גוטע רעוואָליוציעס גייען ניט צופוס,
נאָר ווער ס'קאָן זיי ניט אויספילן — מוז גייען אפן סמיק!

ווער עס קאָן אין לעבן ניט פארקריצן זײַן באשלוס,
דער איז בלויז א פלוידערזאק —
ניט קיין באָלשעוויק!

די פראגע די לעצטע. היצ. רויכ.
דער איניען גריניוק איז א וויכטיקער איניען.
מע האָט אים צעהארגעט אין שאכטע אזוי,
אז מע האָט א צעבלוטיקטן דאָרטן אים געפונען...

— „אן איניען א פערזענלעכער!
— „פריטשאָם איז די ביוראָ?
— „מיר זײַנען ניט קיין ריכטער!
— „מע פאטערט צײַט אומזיסט!
— „א סוינע האָט געשלאָגן אים!
— „א ווײַסער! א מאכנאָ!
— „א קלאס האָט אים געשלאָגן,
גריניוק דעם קאָמוניסט!

גערעכט איז דער לעצטער. ס'איז קלאָר. מע מוז
דעם סוינע דעם באהאלטענעם אנטפלעקן און דערשטיקן!
ווער עס קאָן אין לעבן ניט פארקריצן זײַן באשלוס,
דער איז בלויז א פלוידערזאק —
ניט קיין באָלשעוויק!

.7

... ווען ס'האָט דער אינסטרוקטער א לעקציע געלייענט
וויאזוי אין דער שאכטע זיך פירן,
ווען ס'האָט דער אינסטרוקטער זײַן לעקציע געלייענט, —
איז גערדאליע געגאנגען שפאצירן...

זײַנען כעוורע געזעסנ אפ שטויביקע בענק
מיט שטויב און מיט זונ־שײַנ באלאָדענע,
און ס'האָבנ זיך יונגינקע מויכעס געשווענקט
אינ ווערטער אינ שווערע און מאָדנע...

וואָס הייסט עס א לאווע? וואָס איז עס א שטרעק?
ווי גרויס זײַנענ שאכטישע מײַלער?
פארוואָס די שווערלײַביקע ווארבאָווקע דעקט
די האנטישע ארבעט מיט קײַלעס?...

פארוואָס דארפ מענ גיינ אינ שטרעק בא דער זײַט
און טראָגנ דאָס לעמפל פונפאָרנט?
דער לעקטער — ער רויכערט און שמייכלט און שרײַט,
מיט ווערטער מיט שווערע באוואָרנט...

געמיינט האָבנ כעוורע:
א גרוב און אנ עק,
א גרוב, נאָר מיט שטיינער מיט הארטע,
מע שלעפט זיי, די קוילנ, מיט קאסטנס צי זעק,
מע שלעפט זיי ארופעט און פארטיק!

איז ניינ:
א שאכטע איז לאנג און איז גרויס,
מיט גאסנ און גלאט קאָרידאָרנ,
און ס'טראָגט א מאשינע ארײַנ און ארויס
די הונדערטער טונקלע שאכטיאָרנ...

ס'איז גאָר ניט אזוי, ווי מ'האָט נעכטנ געמיינט,
מע דארפ נאָכ ניט ווינציק שטודירנ!

ווענ ס'האָט דער אינסטרוקטער זײַנ לעקציע געלייענט,
איז געדאליע געגאנגענ שפאצירנ...

איז געדאַליע געגאַנגענ באַקוקנ די שטאָט,
וואָס טראָגט ווי א פּאָנ הייַנט איר נאָמענ,
די לאַנגע גאַסנ, דעם גרויסנ זאַוואָד,
דעם נייַעם פּאָטשטאַמט אונ די קראָמענ...

האָט געדאַליע א שפּילכל געקויפט פאַר זייַנ קליינס
אונ א קליידל געקויפט פאַרנ וויַיבל,
אונ געקויפט האָט געדאַליע פאַר זיכ אליינ
פּאַפּיראָסנ, א העמד אונ א לייַבל...

אונ א בריוו האָט געדאַליע געשריבנ אהיימ,
אונ א גרוס האָט געדאַליע געשריבנ
דער אַלטער שקאַפּע, וואָס איז אינדערהיימ
פונ זייַנ אַלטער פּראָפעסיע פאַרבליבנ...

געדאַליע געצ איז א פורמאַנ געוועזנ,
א פריילעכער פורמאַנ אינ שטעטל,
איצט פליט א טראַמוויי איבער גאַסנ מיט ברענ,
אונ ס'שלעפנ זיכ פערדלעכ פאַרשפּעטיקט...

דער אוילעמ זיצט אפ די קויטיקע בענק,
אינ די קעשענעס שטעכנ די קערלעכ,
דער לעקטער זאָגט זיי:
—„כעוורע, געדענקט,
די ערשטע צייַט איז שווערלעכ!

— „דעריקער איז פּאָרזיכט. מע דאַרפ זייַנ געהיט,
ווענ דאָס לעבנ איז טייַער,
מע דאַרפ שטענדיק קוקנ, ווו שטעלנ די טריט,
אונ דעריקער:
ניט צינדנ קיינ פייַער!

„גערענקט: ס'איז פאראן אין דער שאכטע א גאז,
דער גאז קאָן מיט אופרייס פארשיטן.
מעטאן — הייסט דער גאז, און מע דארף אין דאָנבאס
פארן גאז, פאר מעטאן זיך היטן!

„און טוט זיך דאָס לעמפל א קרום נאָר, א טיק,
ס'ווערט געלער דאָס שמאָלינקע פלעמל, —
איז וויס, אז סע ווארט דאָ אף דיר ניט קיין גליק:
ס'קאָנען הרודעס די ביינער צעקלעמען!

„עס קאָן פון דער לאווע ניט בלייבן קיין שפור, —
דאָ האָט זיך פארכלינעט דער לעקטער, —
און ווייטער געדענקט נאָך: ניט טשעפעט דעם שנור,
דורך וועלכן עס גייט די עלעקטריע"...

אזוי האָט דער לעקטער געענדיקט זיין שאָ.
עס איז שוין די וויפלטע לעקציע!
און אף מאָרגן גאנצפרי: אין דער ראשיקער שטאָט,
ווען די נאכט האָט אף גאסן געעקט זיך,

האָט דער לאנגער קאנאט זיך געדרייט און געדרייט
און געזופן אין שאכטע די וואכטע,
דער ליפט האָט געיאָגט, און א ווינט האָט געוויט
און געטראָגן די כעוורע אין שאכטע...

8.

א ליפטיאָר פונויבן, פונונטן — א ליפטיאָר,
דאָס שטריקעלע, דאָס גלעקעלע
א צי געטאָן און — פאָר!

קוקן מיידלעך טונקלע, ווי דער ליפט זיך וויגט,
וואגאָנעטקעס פלינקע קאטשען זיי צוריק.

זייער גיכ דער טאָג גייט אויס,
ס'איז דער צווייטער
וויַיט !
קאָמסאָמאָלקעס־שלאָגלערנס
האָבנ ניט קיינ צייַט !

אוי, דאָס רעדל דרייט זיכ,
אונ דער ליפט פליט
מיט קרעפטיקע פלייצעס,
מיט גוטנ אנטראציט !

מע דארפ זיכ ניט איַילנ,
די ריי איז
נאָכ וויַיט,
טאָרבעלעכ אונ קיַילעס
הענגענ בא דער זיַיט !

פונעמ ליפט—א וויכער,
א ווינטעלע, א ווינט,
שאכטיאָרנ, גיכער
די לאָמפנ צינדט !

גיט אהערצו לעבעדיקער
די מאכרא,
ווארפט אוועק די שוועבעלעכ
„נא — האָרא !"

עפעס טוט א ריס.
דאָס הארצ גיט א ציטער אונ, דאכט זיכ, עס פאלט צו די פיס,
דאכט זיכ: דו פליסט ניט אראָפ, נאָר ארופ,
אינ אויערנ טוט דיר א הודע די לופט.

אינ לייַב טוט א שניט.
אינ הויכער, אינ שווארצער פירקאנטיקער גרוב מע פליט!
מע פליט!
מע פליט!
מע פליט!

מיט פייַכטקייַט ווייט. מיט פינצטער בלאָזט.
אינ לייַב — א פראָסט.
א ווינט — אינ קאָפּ.
אונ... סטאָפּ!

אונ אָט איז די שאכטע, אונ אָט איז דער שטרעק דער צענטראלער,
א גאס א לאנגע, מיט לעמפּלעך באלויכטנ, וואָס שיטנ די שייַנ אפּ די שפּאלנ...,
אנ ערנסטער שטייט דער ליפטיאָר.
לעמ ליפט טוט א פינקל מאזשאָרני:
— „איר האָט זיכ דערשראָקנ, כאווייריִמ?
איד וועט מאָרגנ דערזענ, אז ס'איז גאָרניט!"

גלאנציקע רעלסנ וואגאָנעס געפּאקטע אונ פוסטע צעפירנ
אינ גאסנ אונ געסלעכ, פונ גאסנ אונ געסלעכ
דורכ שאכטישע טירנ...
עס שלאָגט פונ די טירנ מיט פייַכטקייַט, מיט שווארצקייַט,
מיט ווינט אונ מיט טעמפּנ.
צעשיטנ זיכ שאָטנס מיט לעמפּלעכ.
מיט פינצטער בלאָזט, מיט פייַכטקייַט ווייט.
מע גייט...

זייַנע כעוורע געגאנגענ: קאטשאנ אונ טאראנ,
סמערטענקאָ, שפּאק אונ וואליייטיק,
מע האָט זיכ דערמאנט אינ דעמ גאז, אינ מעטאנ,
דערמאנט אונ געגאנ בא די זייַטנ...

גייט ראשקעוו און דאשקעוו, גייט גאָלטע, טעטיִעוו,
מיט פּאטלעס ווי ווייצן, ווי גערשטן,
און כעוורע פֿון אומאַן, און כעוורע פֿון קיִעוו,
וואָס זעען א שאכטע צום ערשטן...

אייניקע שרעקן זיך, אייניקע דרייסט,
שטייען ניט אָפּ פֿונעם פּירער,
און אנדערע מורמלען און שעפּטשען:
ווער ווייסט
וואָס קאָן אינדערפֿינצטער פּאסירן...

מ׳האָט נאָך ניט באַוויזן ארויס אפֿן שטרעק,
אפֿן ליכטיקן שטרעק דעם צענטראלן,
האָט פּיקאָוו און שפּיקאָוו באפאלן א שרעק:
— „מיר זײַנען, מיר זײַנען
פֿארפֿאלן!״
— „מיר ווילן צוריק און מיר ווילן ארויף״.
דרייען זיך ציגעלעך, ווי מילן:
— „ס׳געפֿעלט ניט די ליכט! ס׳געפֿעלט ניט די לופֿט!״
— „ניטאָ דאָ קיין פֿענצטער אפילו!״

האָט פּיקאָוו זיך פּלוצלינג צעוויינט ווי א קינד,
און שפּיקאָוו האָט אויך זיך צעפּעסטעט,
זײַנען זיך כעוורע צעגאנגען געשווינד,
אלע צו זייערע נעסטן...

ווער צו די שטאלן און ווער צום מאָטאָר,
ווער צו די שליטלערס, צו לאָוועס.
ס׳איז פּיקאָוו א רעגע געוועזן א שאכטיאָר,
און ס׳שלעפּט אים שוין שפּיקאָוו — זײַן כאווער...

געדאַליע געץ איז אַ פורמאַן געווען,
אַ פריילעכער פורמאַן אין שטעטל.
געדאַליע געץ האָט געזונטע הענט,
וואָס קאָנען אי גלעטן, אי פּלעטן...

טרייַבט ער דאָס פערדל אַפּ רעלסן פון שטרעק,
און קומען צום קליעט איז די צייַט שוין,
טוט ער, געדאַליע, מיטן שטיוול אַ פּרעג:
— „ווי גייסטו, בריאַן, אָן אַ בייַטשל?

אַ בייַטשל איז זייער אַ וויכטיקע זאַך!
מיט אַ בייַטש וועט עס גיכער ברענגען".
געדאַליע דערזעט אַפן שאַכטישן דאַך
אַ שטריק, ווי אַ בייַטשל, הענגען...

טוט ער דאָס שטריקל אַ כאַפּ מיט דער האַנט,
דאָס בלוט טוט אין קאָפּ אַ כוואַליע...

טוט זיך אַ זעץ מיטן קאָפּ אין וואַנט,
מיטן שטריקל אין האַנט, געדאַליע...

עס האָט אים געגעבן דער שטראָם אַ זעץ
און האָט אַפן אָרט אים געהאַרגעט:
אַזוי איז געשטאָרבן געדאַליע געץ
דעם ערשטן טאָג אַפּ דער אַרבעט...

ס'אַ געווייַנלעכער שטריק, האָט געדאַליע געמיינט,
אַ געווייַנלעכער שטריק איז געהאַנגען...

ווען ס'האָט דער אינסטרוקטער זייַן לעקציע געלייענט,
איז געדאַליע שפּאַצירן געגאַנגען...

דאָס פערד האָט געגעבנ א טופּ מיט די פיס,
צעוואָרפנ צעשראָקענע אויגנ,
אונ פלוצלינג געגעבנ פונ אָרט זיכ א ריס,
געפלויגנ, געפלויגנ, געפלויגנ ...

פארנאכט האָבנ וואָלקנס די זונ־דאָד פארוקט,
צום פלאצ שיטנ מענטשנ זיכ, שיטנ ...

גערעדט האָט מאזשאָרני, פאנאסיק, גריניוק —
דער שאכטישער פלאצ האָט געמיטינגט ...

אינ צענטער: די מענטשנ! די קוילנ! דער פלאנ!
געוווּסט האָט דאָס הארצ אונטער רעקלעכ:
ווילנ אונ וויסנ! — אויב דאָס איז פאראנ,
איז אפילע דער טויט אונדז ניט שרעקלעכ!

.9

קוריניעס, כיבארקעס, כאטיאָנקעס
מיט שטענדיקנ אָוונט באהאנגענ,
זונ־שטראלנ היימלאָזע בלאָנקענ
אונ זוכנ דעם שמאָלנ ארייַנגאנג ...

זונ־שטראלנ היימלאָזע דראפענ זיכ
מיט העלקייַט פונ הייסע קאָלירנ
אונ טאפנ מיט ווארעמע לאפעס
די פריזבעס, די ווענטלעכ, די טירנ ...

ווו זייַנענ די פענצטער? ... ווו זייַנענ
די שויבנ די ריינסטע אונ שענסטע?
ווער האָט עס די ראמענ די פייַנע
מיט קיזיקעס גרינע באפענצטערט?

די זון גייט פון הימלשע וועלדער
און פאלט אפ צעפינקלטע שטויבן.
פארוואָס האָט מען כאטקעס צעשטעלט דאָ
אָן גרויסע פירקאנטיקע שויבן?

ווען ס'שטייען די גרויסע קאזארמעס
מיט אוילעם מיט נייַעם געפאקטע,
דאן קומען די יאטן די ווארעמע
פון בלייִקע קאנטן און טראקטן...

פון שטעטלעך, פון וועלדער, פון לאָנקעס —
זיי קומען מיט טשובעס, ווי כמארעס,
און ס'נעמען זיי אופ די כאטיאָנקעס
מיט שווארצקייַט פון וועגט און פון נארעס...

גריניוק האָט זייַן לעבן פארבראכט דאָ
מיט אנדערע טויזנטער לעבנס,
ביז ס'האָבן די גליקלעכע שלאכטן
גריניוקן אן אָרדער געגעבן...

און יאשקע, און גילבור אפילע,
וואָס פלעג אפ די נארעס דאָ ליגן
לעם וועגטעלעך פייַכטע און קילע —
האָט אויך שוין אן אָרדער געקריגן...

אין א כיבארקע אזוינער
ווינט איצט דער בלאָנדער פאנאסיק,
און ס'ווינט דאָ שאשווילי, און ס'ווינען דאָ
נייַע שאכטיאָרן דאָנבאסער...

נאָך שלאָגלערשע טעג אין די שאכטעס
רוט מען אין שטיבלעך צעזייטע,
אין רויִקע רויטע פארנאכטן
פרעגן זיי איינער באם צווייטן:

ווו זײַנען די פענצטער? ווו זײַנען
די שויבן די ריינסטע און שענסטע?
ווער האָט עס די ווענטלעך די פײַנע
מיט קיזיקעס גרינע באפענצטערט?

אין אָוונטן גרויע און ווײַסע
דערציילט מען פארשיידענע מײַסעס,
ווען ס'זאָל זיי א דיכטער פאריכטן,
באקומט זיך אזא מין געשיכטע:

.10

די באלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
איז געווען א נאָבעלע פרוי,
זייער און זייער א נאָבעלע פרוי
מיט א גאָלדענעם, ווייכן כאראקטער.

די באלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
פלעג ריידן מיט אלע אזוי,
אז ס'האָבן פון ליפּן פון רויטע געשיט זיך
אזעלכע פאקטן געוואגטע:
זעכצן שאָ שוויצן אין שאכטע
איז שווער,
זייער שווער,
זעכצן שאָ האקן די קוילן
איז שווער!

זעכצן שאָ זייַנ אינדערפינצטער
איז שווער,
זייער שווער!
פלעג דער גאָלדענער ווייכער כאראקטער
צעריזלען א טרער,
א ביטערע טרער.

ווען ס׳פלעגן שאכטיאָרן פארשטרייַקן
אונטער דער ערד,
פלעג ווידער די נאָבעלע דאמע
צעריזלען א טרער:

—זיי קענען זיך נעבעך נית פירן,
דעם פאָליצמייסטער אהער!...

ווען מ׳האָט די שאכטיאָרן אין אייַזערנע קייטן,
אין קייטן געפירט,
ווען ס׳האָט זיך א לידל צעשנייט
וועגן ווייַטן סיביר,
ווען סע פלעגן די קינדערשע קוילעס זיך טראָגן
פון יעטווידער טיר,
פלעג דער גאָלדענער ווייכער כאראקטער
צעוויזלען א טרער
און קרעכצן מיט נאָבעלע ליפן —
זי קען שוין נית מער:
— „הער פאָליצמייסטער, פארנעם זיי שוין גיכער,
נו, גיכער זיך ריר...
און זאָל מען זיי גיכער באזעצן
אין קאלטן סיביר,
און זאָל ער א קיל טאָן די בלוטן, —
נו, גיכער, אהער!
זי קאָן נית, די נאָבעלע דאמע,
זי קאָן שוין נית מער!

און ווען ס'איז מיט אופרײַס געגאנגען
דאָס פינעפטע יאָר,
און ווען מע האָט אפּ סטויפּעס געהאנגען
שאכטיאָר נאָך שאכטיאָר,
גריניוק האָט מיט צאָרניקע אויגן
געקוקט,
ווי מ'האָט אפּ א שטריקל פארצויגן
זײַן פאָטער: גריניוק...

די באַלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
איז אויכעט געווען,
דער גאָלדענער ווייכער כאראקטער
האָט אויכעט געזען...

געהערט האָט אפּ פריִיקע פלעצער
די נאָבעלע פרוי,
ווי ס'האָבן די העלדזער געכריפּעט:
— דאָלוי!
— דאָלוי!

האָט ווידער די נאָבעלע דאמע
צעריזלט א טרער:
פארציט זיי שוין גיכער די העלדזער,
זי קאָן שוין ניט מער!

די באַלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
איז שלאנק געווען זייער און שיין,
זי איז קיינמאָל ענלעך געווען גאָר
צו בלוטזויגערס — ניין!
די פיר צענדליק יאָר האָט זי שטענדיק
מיט זייבערע פארבן באַפרישט,
אלע יאָר האָט זי עלעפּ כאדאָשים
פארבראכט אין פאריזש...

די באַלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
האָט איין אויג נאָר אין קאָפּ,
א קאָרעק פון שטארקן שאמפּאניער
האָט דאָס צווייטע צעקלאַפּט...

א קרייַז פון א לאָק האָט באהאלטן
דאָס אויג, וואָס איז בלינד,
האָט זי דעמאָלט פארשטאנען: דאָס אויג —
איז דאָס גרעסטע אצינד...

האָט זי דעמאָלט דערפילט פונדערווייַטנס
מיט איר נאָבעלן הארץ,
אז ס'זייַנען שאכטיאָרישע אויגן
אין גרויסן געפאר...

ווייַל זעכצן שאָ זייַנ אינדערפינצטער,
און גלייַך אפּ דער שייַן—
עס קאָן נאָך פארשאָטן די אויגן
די ליכטיקע שייַן...

די באַלעבאָסטע פון שאכטע „ענערגיע"
איז געוועזן א נאָבעלע פרוי,
האָט די ווייכהארציקע דאמע
באפוילן אזוי:

מע דארף בויען שאכטיאָרישע הייַזעלעך
פייַן,
עס זאָל דורך די ווענט
ניט אריַין
צו שאכטיאָרישע אויגן
די שייַן!

גלייַכע ווענטלעך זאָל מען שטעלן,
פון דער סטעליע ביז די שוועלן.

און די פענצטער, און די ראמען,
און די לעכער פון די טירן
זאָל מען גלייַך מיט ליים פארשמירן,
וועלן אויגן פון שאכטיאָרן
זייַן פארהיט,
וועט מען בעסער קאָנען זען
דעם אנטראציט.

נאָך זעכצן שאָ אין שאכטע זייַן
קאָן פארשאָטן זיי די שייַן!

איצטער איז די צארטע באלעבאָסטע
אין פאריזש.
זי דערלאנגט די פישעלעך די פירשטעלעך
צום טיש...
דער פעווראל האָט אין איר שטיבל
אויסגעהאקט די ראמען,
אין אָקטיאַבּ האָבן שאכטיאָרן
אָפּגעשיקט די צארטע דאמע
צו איר מאמעס מאמע!...

.11

כאפּט דער רוך די בלינדע באלעבאָסטע
מיט אלע אלטע, גוטע באלעבאטים,
נאָר אמאָל אין אָװנטן צעכראסטעטע
מע דערמאנט זיי
Матом!

זידלערייַען, מיִעסע ווערטער אויסגעמעקטע
מוזן מיר פארגיכטן און צעשטויבן!
נאָר די אלטע באלעבאטימלעך א דעק טאָן
קאָן מען זיך דערלויבן!

נו, זאָגט אַלײן: ערשט הײַנט האָט אונדזער בלינדע באַלעבאָסטע
צוגעשיקט א בריוו צו די שאכטיאָרן,
אז גיכ וועט זײַן קיריל, דער גרויסער פירשט, אין מאָסקווע,
און זי אַלײן וועט קומען גיכ צו פאָרן...

— „ווי פילן זיי זיכ איצט אין אירע כאטקעס,
שאכטיאָריקי מאָי!
צי זאָרגן זיכ פאר זיי די נײַע באַלעבאטים
אזוי ווי זי?”...

נו, זאָגט אַלײן: דאָס בריוול האָט געווירקט ווי עפּעס זעלטן,
דער האס האָט זיכ צעכליופּעט ביזן גרונט!
אזא מין אלטיטשקע, דעמ עמעס זאָגנדיק, א דעק טאָן
איז אמאָל אפילע צום געזונט!

און נאָר א פּײַנט האָט זיכ אין זיכ פארטײַעט,
געשוויגן האָט באַמ לײענען נאָר א לעקעש,
געשאָטן האָבן זיכ די קלוגע זידלערײַען—
אפילע זידלען דארפ מען קאָנען דיִאַלעקטיש!

— „אויב מיר ווילן אירע „זיסע ווערטער” מער ניט הערן
(א פלאקאט אזא מין האָט געפלאקערט),
דארפ מען מיטן גרעסטן בעזים קערן
אירע פרײַנט: די רײַסערס און פויליאקעס!

קערן ביזן סאָפ די אלטע שפורן!
בעסער איבערוועגן, אײדער ניט דערוועגן!
אנטפלעקן ביזן וואָרצל יעדער צורע,
וואָס קנײטשט די נאָז און קוקט מיט פרעמדע אויגן!

ווײ צו דעמ, וואָס אונדזער מעטאָד שרעקט אימ!
ווארפט ארויס פון אויערן די וואטע!
זי לעבט, זי ברויזט, די קלוגע דיִאַלעקטיק,
זי לעבט אין יעדער אָטעם, יעדער אטאָם!

זי גייט פאָרויס מיט זיגן און מיט הימנען,
זי לעבט, זי ברויזט, זי אָטעמט אפצעלאכעס
די כמאריקע שפּיאָנעס פונעם הימל,
די מעטאפיזישע באפליכטע משערעפּאכעס!

זי ברויזט אַפ יעדער האנט, אין יעדער ציגל,
אין ווידערשפּרוכן שווערע ווערט געבאָרן
יעדער שפּאן פון סטאלינישע זיגן,
יעדער צעל פון צוקונפטיקע יאָרן!

דיאלעקטיק הייסט ניט: „ווארט אַפ ניסים"...
„עס האָט די צייַט זיך אירע וועגן, אירע טירן"...
„ווען ס'קומט דער נעס, באגעגן אים, באגריס אים"...
— — — — — — — — — — — —
ניין! מיר שלאָגן זיך, מיר קעמפן און מיר פירן!

ס'איז יעדער פאקט געבונדן מיט א צווייטן,
מע מוז דערזען אין טיף פון דער געשיכטע,
פונוואנען און וווהין עס ציען זיך די קייטן
פון די פאקטן.
און ווען מע דארף — איז ענדערן די ריכטונג!

מיט קרעץ פון איינעכטן פארמיעסט מען אונדזער מי איצט,
און קוילעס נעכטיקע זיך טראָגן פרעך און מיעס.
פאר רו נאָך פרי איז!
מע דארף באקוקן גוט די שוועלן און די טירן!
און גרייט איז אונדזער וואָרט אַפ הערצער רירן
(און גרייט איז אונדזער שווערד אַפ דיסקוטירן!).
פאר רו נאָך פרי איז!
מיר זיצן ניט מיט הענט פארלייגטע אַפ די קניעס,
מיר שלאָגן זיך, מיר קעמפן און מיר פירן!

.12

איינ פארזאמלונג נאָכ דער צווייטער
אינעם רויטנ ווינקל,
נאָר מע רעדט אונ נאָר מע היצט זיכ
אינעם רויטנ ווינקל...

צוויי פּאָרטרעטנ, זיבנ ביכלעכ
אינעם רויטנ ווינקל...

זעלטנ קומענ די שאכטיאָרנ
אינעם רויטנ ווינקל...

וואָס־זשע האָט זיכ עס געטראָפנ
אינעם רויטנ ווינקל ?
וואָס־זשע שרײַענ די שאכטיאָרנ
אינעם רויטנ ווינקל ?

שמעקט שוינ
אינדרויסנ
מיט פאסקע,
מיט ווײַסנ געשטאנק פונ לאמפאדעס,
די גלעקער די קופערנע טראסקענ,
די לעמפלעכ די וואקסענע טשאדענ...

רײַסט זיכ ארויס א געפילדער :
— „פא״נעמענ ! פארנעמענ ! פארנעמענ !״ —
שאָקלענ געזיכטער נאָכ ווילדער
אפ „נײַנ״ מיט די שטויביקע ברעמענ...

— „דעם ערשטנ טאָג ארבעטנ מוזט איר !״ —
גריניוק האָט מיט קאס זיכ צעטײַנעט :
— „די שאכטע מוז ווערנ א מוסטער,
מוז ווערנ בא״ימט אפ אוקראינע !..

— „אונ אפ מאָרגנ, — עס שווײַגנ די פויסטנ,
דער אוילעם ווערט שטיל אונ בארוטער...
— „אפ מאָרגנ קאָנ ווערנ דער קלויסטער
א קלוב פאר שאכטיאָרנ א גוטער"...

— „גריניוק איז גערעכט!
— „ניט מאסקים!
— „גריניוק — מאָלאָדיעצ!
— „ניינ!
— „עס וועט די פאשיסטישע פאסקע
ניט שפאלטנ שאכטיאָרישע רייענ!"

פונ ווענט קוקנ שטרענגער די בילדער,
דער אוילעם צעפליעסקעט זיכ מונטער,
דער שטויביקער, הייסער געפילדער
פאלט אונטער בענקלעכ ארונטער...

רעדט איינ רעדנער נאָכנ צווייטנ
אינעם רויטנ ווינקל,
אונ עס טשאדעט די מאכאָרקע
אינעם רויטנ ווינקל...

האָט באשלאָסנ די פארזאמלונג
אינעם רויטנ ווינקל
לאָזנ ריידנ אלע רעדנער
אינעם רויטנ ווינקל...

זיצט מאזשאָרני, בא דער זײַט זיצנ קאָמוניסטנ.
שווײַגט מאזשאָרני. בא דער זײַט שרײַענ די שאכטיאָרנ.
קלערט מאזשאָרני: אינ ארמיי איז געווענ דאָסזעלבע.
אונ דעריקער דארפ מענ קענענ נעמענ די סטיכיִע!

(ניט קיין ביקס און ניט קיין שפּיז,
ניט קיין סטעפּיש ווינטל).

יעדער וואָרט קאָן זײַן א שפּיז,
אויב מע טרעפט אין פינטל!

און מאזשאָרני שטעלט זיך אוף
אינעם רויטן ווינקל:

—„שעמט זיך, שעמט זיך,— שרײַט מאזשאָרני —
(ווערטער ווערן הארבער),
— אלע שאכטעס וועלן מאָרגן
גיין צו דער ארבעט!

— „נאָר „ענערגיע" וועט זיך שלעפּן
אפ די טשערעפּאכעס,
די קולאקעס, די נעפּאקעס
וועלן קלײַבן נאכעס...

— „אלע שאכטעס וועלן מאָרגן
צו דער ארבעט שפּאנען,
און מ'עט לאכן פון „ענערגיע":
— זעט, ווי אָפּגעשטאנען!"

און מאזשאָרני ווערט ניט מיד
ווערטער שטארקע שיטן:
—„זעט נאָר, ווי דער קלויסטער שטייט
אין א גילדן היטל...
עכ, א קלויסטער!

—„די שאכטיאָרן דארפן רוען
אין א פוילער כאטקע,
און אין קלויסטער אינעם שיינעם
רוט די באָזשע מאטקע...
נעמט דעם קלויסטער!"

און מאזשאָרני שטייט און שמייכלט,—
ווערטער ווערן שטילער:
זאָל ער פּישטשען אינעם קייווער
„האָספּאָדי פּאָמילוי״ —
אָט דער קלויסטער!

ס'האָט דער קלויסטער זיי געהאָלפן
פאר דער נאָז אונדז פירן,—
א געווער איז ער געווען
בא פּריצים און באנקירן,
אָט דער קלויסטער!״

די מידקייט און שטרענגקייט פון פּענימער אנטרינט,
א מונטערקייט א זיכערע פארניכטעט און פארמעקט זי,
עס שטעלט זיך אוף אן אלטיטשקער און זאָגט: מיר זיינען בלינד.
מיר דאנקען דער יאטשייקע און דעם לעקטער פאר דער לעקציע!

מיר זיינען קימאט אלע פונעם דערפל, פון הראָמאדע,
ניט קיין ווערסיטעטן דאָרט, איך שווער בא מיינע פינגער,
געגאנגען דאָרט אף דאָסוויטקעס און דאָרטן געקאָליאדעוועט
און דאָרט מיט די פּרוטיקעס געטריבן די סקאָטינקעס...

דער אלטער האָט פארכלינעט זיך. ער האלט קוים אף די פיס זיך.
א רויִקייט א ניכטערע צעשפרייט זיך איבער אלע.

לעם פענצטער טוט א פלאטער, ווי מיט פּאָלעס פון א ריזע,
א וואָלקן א פאטלאטער און א שווארצער ווי א גאלעך...

טוט א יאָג מיט פריילעכקייט פון געפלאצטן טירל:
— „אורא! זאָל לעבן! סלאווא! — רייסט זיך פון די הערצער.
קומט מען פון הראָמאדע אָן, קומט מען אָן אינפירן,
די גאנצע שעפ־קאָמיסיע האָט צוריק געקערט זיך!

—„א גרוס אײַך פונ די אייגענע! א גרוס אײַך פונ די פעלדער!"
דאָס גלעקל האָט צעקלונגענ זיך, צעשאָטנ זיך אינ זילבער,
ס'ווערט דער אוילעמ רויִקער, אונ דאָס גלעקל מעלדעט:
—„א וואָרט פאר אינפאָרמאציע באקומט דער כאווער גילבור:

—„ס'גייט די פאסקע, דארפ מענ גוט
די רעליגיע קלאפנ,
אינ „הראָמאדע" אגיטירנ
שווארצע אגיטפראָפנ...

שוואכ איז נאָכ אונדזער קאָמיוג אינעמ דערפל,
שוואכ נאָכ...

פונעמ קלויסטער איז געבליבנ
אש מיט האָלעוועשקעס,
גייט ארומ איבער די כאטעס
דער קולאק טערעשקע...

אונ ער טײַנעט, אז דער הימל
האָט פאר זינד באשטראָפט זיי,
—„דארפ מענ אופשטעלנ דעמ קלויסטער,
ברידער מײַנע, овцы!

—„איז בא וועמענ ס'האָט דער נעכריסט
ס'גלויבנ ניט פארלאָשנ,
גוטע מענטשנ, פראוואָסלאוונע,
זשערטעוועט א גראָשנ!

—„ווענ מיר א קלויסטער בויענ
שענער פונ די זיידעס,
אונ דערפאר אנ ערטל קריגט... אינ
ליכטיקנ גאנײדנ"...

און דערצו נאָך מאכט טערעשקע:
—„ווער עס וועט ניט צאָלן,
איז די מיל בא אונדזער בראשקע,
ווער־זשע וועט אייַך מאָלן?״

שוואך איז נאָך אונדזער קאָמיוג אינעם דערפל,
שוואך נאָך...

און קעדיי די קאָמיוגיסטן
(זעקס איז דאָרט געווען דאן)
זאָלן מיט די יונגע ציינגלעך
גלאט ניט טעלעבעענדען,
האָט מען צוגעשיקט יוכימען
מיטן ציינגל קלינגען,
און יוכים זאָל אגיטירן
קאָמסאָמאָלצעס יונגע...

—„זאָלן זיי א קלויסטער בויען,
זאָלן זיי זיך פרייען,
זאָלן זיי די קאָפּקעס קלייַבן,
נאָכדעם וועט מען זעען!!

האָט יוכים צו זיי געטייַנעט:
—„אונדזער מאכט? אוואדע!
וועלן מיר א קלוב שוין האָבן
אינעם דאָרף הראָמאדע!

„און דעריבער שטיל און רויק
געבן קאָפּקעס הייס איך,
זאָל דער קלויסטער פארטיק ווערן
ביזן צווייטן פייסעך!״

פארטיק?

און דער גאַלעך האָט געטײַנעט:
—„זאָל אוועק דאָס יאָר שוין,
וועלן קומען די פּראַנצויזן
מיט פּעטליוּרעס יאָרשים!!״

(טאַנצט ניט!)

פרייען זיך די צוויי גאַלאָכים,
טאַנצן די קולאַקעס:
„וועלן מיר אַ קלויסטער האָבן,
דער קאָמסאַ — אַ מאַקע!״

(כאַפּט ניט!)

—„אָט, כאַווײרים, וואָס סע טוט נאָך
אָט די גאַנצע קאָנטרע,
נאָר זיי ווילן, נאָר זיי פּרוּוון
דעם בידניאַק פאַרפלאָנטען!
אָט!״

און געראָט האָט יאַשקע גילבור
אָנשרײַבן קיין כאַרקאָוו
און באַשרײַבן אָט די מײַסע
אין דער „קאָטשעגאַרקע״.
גלײַך!

נאָר דער אוילעם וויל ניט הערן
און ער הודעט מונטער:
—„וואָס־זשע האָט די שעפּקאָמיסיע,
וואָס האָט זי געטון דאָרט?״

—„וואָס?״

ניט געטראכט און ניט פארוואונדערט
ענטפערן די שעפן:
—„אינעם מויערל פון גאלעך
גלײַך א קלוב געעפנט!

„און די מיל האָט צוגענומען
דער קאָלווירט דער יונגער,
גייען אום די באַלעגופים,
דרייען מיט די צונגען...

„ניין!"

„יאָ, כאוויירימלעך, עס שלאָפט ניט
אָט די גאנצע קאָנטרע,
נאָר זיי פרווון, נאָר זיי ווילן
דעם בידניאַק פארפלאָנטען!

„היט זיך!"

יאשקע גילבור האָט געענדיקט. זיצט דער אוילעם כמורנע.
מ'האָט פארגעסן די געשיכטע מיטן היגן קלויסטער,
פון די ספייקעס פון די ערשטע בלײַבט שוין איצט קיין שפור ניט,
איצט איז שוין דער גאנצער איניען קלאָרער און אנטבלויזטער.

און די ראשיקע פארזאמלונג
טוט א הודע פלוצים:
— גיט פאפיר און גיט א בלײַער!
— שרײַבט א רעזאָליוציע!!!

„געהערט דעם פאָרטראג. באשטימט באשליסן:
פון זאבאָבאָנעס ניט לאָזן קיין שפור!
דעם קלויסטער אלס פאָרשטייער פון די פאשיסטן
פארניכטן און שאפן א הויז פאר קולטור!"

דער אוילעם צעפּליעסקעט זיך ווידער פאַרשײַטער:
—„עס לעבט! כײַ זשיווע!״ — אזוי ווײַטער און ווײַטער...

נאָר א פּאָרל האָט אינ ווינקל
אומעטיק געפּלאטערט, —
און אנ אלטער האָט געשעפּטשעט:
—„אויך מיר אגיטאטערס!״...

האָט דאָס פּאָ״ל זיך דערשראָקנ:
—„אוי, א סאָפּ! פאַרשאָטנ!״
און ארויס אינ לאנגנ טירל
ווי צוויי לאנגע שאָטנס...

מאָרגנ גייט מענ צו דער ארבעט! —
אָט אזוי איז נייטיק!
אפנ קלויסטער זאָל א ווייַ טאָנ
אונדזער פאָנ
די רויטע!

— — — — — — — — — — — —

דער ערשטער טאָג איז אוועק אינ מי,
אינ שטרעקנ, אינ לאוועס, אינ שאכטע...
אפנ צווייטנ רויט־זוניקנ בלויענ גאנצפרי
איז דער אוילעם געוועננ בא דער שאכטע!

.14

די לופט איז געדיכט, ווי באקווער נאפּט,
די גאס איז אינ זונ און שווײַגט,
די היצ האָט פונביימער געצויגנ די זאפט,
און ס׳האָבנ די ווינטנ פארשטרײַקט...

אפ גאס און אפ שטוב איז געזעסן דער שטויב,
דער שטויב איז געזעסן געדיכט,
די זון האָט די שאָטנס פון גאסן געריבן
מיט טויזנטער, טויזנטער ליכט...

די קאָרע אפביימער האָט זאפטיק געפלאצט,
די זאפט האָט געגעבן א יאָג,
און ס׳האָט אפ די גאסן א מעשענע טאצ
געגעבן א זעץ אינעם טאָג.

דער טאָג איז צעשפּרונגענע געוואָרן געשווינד
אפ הונדערטער שפּענדעלעך מעש,
דער קלויסטער געשטאנענע איז נאקעט און בלינד
באהאנגען
מיט קויטיקן וועש...

פארלאָזט און אליין אפן צווייטן שטאָק,
ווי גליי, ווי שטויב, ווי בראק,
האָט געפּוצט דעם פארלאָשענעם מעש פונעם גלאָק
דער אלטער נאָיעוו, דער דיאק.

אפן גלאָק איז אויך געזעסן דער שטויב,
וואָס גייט פון די שאכטעס ארופ...
דער דיאק האָט מיט לאנגע היפּעס געליובט
די הייסע פארקוילטע לופט.

דער דיאק האָט געגעבן די אויגן א הויב.
די זון האָט די אויגן געבריט.
אין גאָלד פון זון
און אין גאָלד פון שטויב
האָבן מאכנעס געזופּט די טריט...

װאָס זעט ער? װאָס הערט ער? און פּלוצלינג: שאַ,
זײ שפּאַנען צו יעזוסעס הױז,
און יעדערער רעדט מיט אַ קאָל אַזאַ,
װאָס גײט פֿון די שאַכטעס אַרױס...

ס'פֿלעגן פֿליגן פֿינטלען שײַן
אױפֿן געלן צײלעם.
װעגן װיקלען אונדזער גײַן
אין אַ שטױב פֿון קױלן.

דאָס האָט דער שאַכטיאָרישער אױלעם מאַרשירט,
דאָס האָט זיך דער אױלעם געשטופּט
בײַ דער אַלטער, באַגילטער, געצײלעמטער טיר
פֿונעם נײַעם שאַכטיאָרישן קלוב.

די גאַלאָכים מיטן דיאַק
װײסן ניט, װאָס טוט מען,
און די „ריזן" אין די ריזעס
ריזלען קאָלעמוטנע...

װילן ריזעס אױף אױטיל,
אױף אױטיל אין טעקסטיל,
גאָר דער גאַלעך װיל ניט,
און דער אױלעם דראָט אים,
און דער קלױסטער טוט אַ קלונג
מיטן לעצטן אָטעם.

אַ נײַע שילד האָט באַשײַנט דעם פּלאַץ
דעם אַלטן לעבן קלױסטערשן גלאָק,
און ס'האָט װידער אױף גאַסן אַ מעשענע טאַץ
געגעבן אַ זעץ אינעם טאָג...

.15

ווי די טיפע לאַוועס,
ווי די לאַנגע לאַוועס
האָבן זיך פאַרמאָסטן אין פאַרמעסט אין שווערן,
האָט אַמאָל דער יאַם מיט שטאָרעמס זיך געבאַוועַרט,
האָט דער יאַם געריוישט, געקנייטשט זיך, קוטשעראַוועט
און געוויגט דעם אוראַלט און די ווילדע שטערן...

איבער מײַלן טויזנטער, אַפּן גרויסן מעהאַלעך
פונעם יאַם דעם שוואַרצן ביז די צאָפּן־גלעטשערס,
פון דעם יאַם דעם באַלטישן ביז די בערג אוראַלער —
האָט יאַם געבושעוועט...

טויזנטער יאָרן האָט דער יאַם געליאַרעמט,
האָט דער יאַם געהוידעט די דונערס און די בליצן,
ווי אינדזעלעך ווי נישטיקע,
ווי קוימענס פון כיבאַרקעס
האָבן בערג אוראַלער געטוקט זיך מיט די שפּיצן...

דאָרטן ת׳וו סע שטורמעווען
די שאַכטעס די דאָנבאַסער
האָט דער יאַם געשלענגלט זיך מיט וואַסערדיקע צונגען,
ווילדע וועלדער האָבן זיך געהויבן פונעם וואַסער,
האָט דער יאַם געבושעוועט און וויסטעניש געשלונגען...

פלעג דער יאַם זיך הייבן,
פלעג דער יאַם זיך זעצן,
פלעג דער דנאָ באַווײַזן זיך מיט רעבערס און מיט רוקנס...

אין געברום פון טײַכלעך, אין געדיכט פון נעצן
האָבן זיך די בלאָטעס אין דער וויסטעניש צעלייגט דאָ,
האָבן זיך די ביימער צעצוויטעט און צעפּוקעט
מיט שטאַמען אין די מײַלן אין די בלאָטיקע פאַרווייקטע.

פֿלעג דער יאַם זיך זעצן,
פֿלעג דער יאַם זיך הייבן,
ווידער פֿלעגן וואַסערן כּליעשטשען זיך און גיסן,
שטראָמען איבער שטראָמען האָבן זיך געהויבן
און געפּלייצט די וועלדער, די בלאָטעס און די כמיזן...

יאָרן הונדערט־טויזנטער אַלטע הימלען קוקן...
...און דער דנאָ איז ווידער פֿון דער טיפֿעניש געקראָכן,
האָבן בערג באַוויזן זיך מיט אויסגעדרייטע רוקנס,
מיט שטיינער און סקעלעטן, מיט פֿעלדזן און מיט מאָכן..

אָפּגעפֿוילטע ביימער, דאָרנס, פּניאַקעס אַלטע
האָבן זיך געטראָגן מיט וואַסערדיקע לענגען,
ביז די טיפֿע בלאָטעס האָבן זיי פֿאַרהאַלטן,
ביז די טיפֿע בלאָטעס האָבן זיי באַהאַלטן
און געפּרעסט אין קרומע גלאַנציקע שערענגעס.

האָט דער יאַם פּאַמעלעך געביטן זײַנע ביטן,
פֿלעג אַ פּלאַסט אַ צווייטן מיט ליים און זאַמד פֿאַרשיטן...

שטראָמען די יאָרטויזנטער בייזע און צעקאַסטע,
נײַע קרומע פּלאַסטן לייגן זיך אַף פּלאַסטן...

ווידער וואַקסן וועלדער,ווילדע קאַלאַמיטן,
ווילדע סיגילאַרעס, פּאַפּאָראָט און נאָכעט,
פּלאַסטן איבער פּלאַסטן האָבן זיך פֿאַרשניטן,
האָבן זיך געפּלאַסטעוועט
עפּאָכעס נאָך עפּאָכעס...

צענדליקער יאָרטויזנטער האָבן זיך געטראָגן,
האָבן העגט געוואָרפֿן זיך די ווילדעניש צעוועקן
און דעם סטעפּ באַשאָטן מיט שאַכטעס, ווי מיט פּאָקן,
און די ערד צעשניטן מיט קאָפּערס און מיט שטרעקן...

ליגן אונטער בײַטשן צעקאַדויטשעט און צעבויטעט
פינעף זעקסטלעך כמאַריקע, כליאָנענדיקע ערדן,
אַף זיגערישע קאַרטעס פונעם זעקסטל פונעם רויטן —
אַ פינטעלע, אַ רייפעלע, אַ פּאַסיקל: „ענערגיע"...

פאַרוואָרפן ליגט „ענערגיע" אונטער רוישנדיקע דעכער,
נאָר אומעטום מע הערט און אומעטום מע קאָן זי:
„ענערגיע"—אין די צײַטונגען,
„ענערגיע" — אין די צעכן,
„ענערגיע" האָט פאַרבורעט זיך,
„ענערגיע" האָט פאַרבלאָנדזעט...

„ענערגיע" האָט פאַרבורעט זיך, „ענערגיע" וועט ניט שפּאַנען,
„ענערגיע" וועט ניט לויכטן אינעם צעטל פון געוואַגטע.
לויפן די געשעענישן און שווינדלען ווי עקראַנען,
יעדער טאָג ווערט רײַכער מיט פּאַסירונגען און פאַקטן...

און אין אַ טאָג אַ פּאָשעטן, אין אַ פרי אַ יונגן
האָבן פינעף פאַקטן אין די טיפן זיך געראַנגלט,
האָבן פינעף פאַקטן פון צײַטונגען געוווּנקען,
זײַנען פינעף פאַקטן איבער לאַוועס זיך צעגאַנגען...

.16

מע מוז זיך לערנען ווי געהעריק
אַ פאַקט אַ שטעל טון אַף די פיס,
אַ פאַקט אַ פײַנטלעכן—צענעריק,
אַ פאַקט אַן אונדזערן—באַגריס!

נאָר יעדער פון זיי באַזוניק,
אַנטפּלעק זײַן ווענדונג און זײַן דראַנג,
און יעדער שטריכעלע דאָס דינינקס
פאַרבינדן קאָן מיט אונדזער גאַנג!

ווײַל בלויז א פויזנדער עמפּיריקער
זעט ניט די ווענדונג און דעם טאָג
פֿון פאקט. אין אונדזער ליריק
מיר האָבן נאָך, מיר האָבן נאָך

אסאך, אסאך, וואָס בלויז די קײַלעס,
דער קליעט, דער ברעמסבערג און דער שטרעק
דערלאנגט ביז קעלבענער היספּײַלעס,
אָדער פארקערט: ווארפט אָן א שרעק!

עס ברויזן קויכעס אופגעוועקטע,
ס'איז יעדער טאָג מיט נײַסן הויך:
מיט שארפן לענינשן פּראָזשעקטער
טאפּ אָן די פאקטן און באלויכט!

אין יעדער קנייטש פון דיאלעקטיק
דערשפּירן ווי דער קלאס מארשירט:
דער פאקט איז גרויס, ווען מע אנטפּלעקט אים,
וווהין ער גייט, וווהין ער פירט!

.17

פאקט נומער איינס.

מאָלאָטאָוו אין סטאלינע.
דער פארטאקטיוו האָט זײַן פּאָרטראג באהאנדלט.
דער אנאליז
איז ריכטיק.
מאסקים.

דער איצטיקער דאָנבאס מוז ווערן פארוואנדלט
אין א מעכאניזירטער,
באָלשעוויסטישער באזע!

כאווער מאסע !
באָלשעוויקעס, קאָמיוגיסטן, קאדראָוויקעס, שלאָגלערס !
— כאוויירים ! האלט דעם טעמפּ !
— דעריקער איז סיסטעם !
איספּילן דעם פּלאן מוז מען !
סקאנדאל :
אין גאנג איז ניט מער ווי א דריטל מעכאניזמען !
צוויי דריטלעך פּנעוומאטישע העמערלעך, ווּרובאָווקעס,
קאָנווייערס, סקיפּן און סקרעפּעס
ליגן אין זשאווער.

כאווער! הער :
ס'האָבן אייניקע ווירטשאפטלער, פּאריינען, רײַקאָמען
די ענטוזיאסטישע שטראָמען
פון מאסעס דאָנבאסער
פּארשלאָפּן,
צעוואסערט !

הער :
מע דארף א הייב טאָן די ענטוזיאסטישע כוואליעס !
אלע פּארטאקטיוון זײַנען מאסקים
מיט מאָלאָטאָווס אנאליז !

פוילקײַט, צעקראָכנקײַט, שוואכקײַט, ווייכלײַביקײַט, ווייכהארציקײַט —
אפּ שפּיזן נעמט !
כאווירים — האלט דעם טעמפּ !
די רעכטע, די לינקע, — געבן איבער די הענט !

די אקטיוון פּארזיכערן :
מינימום — הונדערט פּראָצענט !
באָלשעוויקעס פּארזיכערן :
מינימום — הונדערט פּראָצענט !
קאדראָוויקעס פּארזיכערן :
מינימום — הונדערט פּראָצענט !

.18

פאקט נומער צוויי.

דער קויל־העקער גאָלדשטיין
האָט זײַן נאָרמע געהעכערט אינצווייען.
נאָר די קוילן ליגן אין לאווע:
עס קאָנען זיך ניט ספּראַווען
די שליטלערס.
דערבײַ זײַנען דרײַ געקומען פון פיר...
— די שאכטע „ענערגיע" אפן בוקסיר!

און ווײַטער, אין טעקסט מיט שלעכטן פּעטיט,
איז געדרוקט גאָלדשטיינס א ליד:

„גיכער, שליטלער!
שלעפּ די קוילן,
שלעפּ דעם שליטן! ניט געפוילט זיך!
מערער קוילן — מערער שטאָל און
מערער קוילן — מער טשוהון!
וואגאָנעטקעס שטייען ליידיק,
און די רעגעס גייען ליידיק.
גיכער, שליטלער,
שלעפּ די קוילן,
לאָז די פערדעלעך ניט רוען!

„ס'קריכט די שווארצקײַט אין די לונגען?
ס'הייסט די סטעליע זיך א בייג טאָן?
ס'איז דער שליטן שווער מיט רוכעס?
און דער רימען שנײַדט און שנײַדט?
גיכער, שליטלער!
ס'איז די שאכטע
ניט קיין שאכטע, נאָר א פראָנט הײַנט,
ס'איז א פראָנט מיט הייסע שלאכטן,
און דער פראָנט האָט ניט קיין צײַט!

„גיכער, שליטלער! שלעפּ די קוילנ!
ס'וואַרטנ קוימענס אפּ די קוילנ,
ס'וואַרטנ צוגנ אפּ די קוילנ,
ס'וואַרט דער צווייטער פּערעקאָפּ!
זאָלסט די קוילנ ניט צעשיטנ,
יעדער קויל זאָלסטו דאָ היטנ,
יעדער קויל, וואָס אפּנ שליטנ,
איז א קויל אינ סוינעס קאָפּ!"

אזוי האָט געשריבנ דער שלאָגלער גאָלדשטיינ,
אזוי האָט געשריבנ דער דיכטער גאָלדשטיינ,
וואָס האָט הײַנט די נאָרמע געהעכערט אינצווייענ!

.19

פאַקט נומער דרײַ.

... אונ די אנטלאָפענע פּיקאָוו אונ שפּיקאָוו זײַנעג געפאָרנ, געלאָפנ, געפלויגנ אונ זײַנענ געקומענ אהיים מיט די ליידיקע זעק אונ מיט ליידיקע אויגנ...

זײַנענ ווײַבער געזעסנ אפּ פּריזבעס, געשטשאָבעט די מאנצבלשע גאטקעס;
געשמעקט האָט מיט רויכ, מיט ארטעל, מיט פּיש אונ מיט ליידיקע יאטקעס.
האָבנ ווײַבער געקוקט אפּ די צוויי יונגעלײַטלעכ, וואָס האָבנ געקערט זיכ,
אונ ס'האָבנ אינ ציצענע קאָפּטלעכ געכליפּעט די ווײַבערשע הערצער...

אונ יידנ מיט בערד זײַנענ אויכעט געקומענ צו פּריזבעס,
זיי האָבנ געטײַנעט בערויגעז: וואָס הייסט עס? וואָס איז דאָס?

האָבנ פּיקאָוו אונ שפּיקאָוו געטײַנעט צו ווײַבערשע הערצער,
האָבנ ליפּנ פּארפּרעסטע געציטערט, האָבנ אויגנ צעטרערט זיכ.
זאָגט פּיקאָוו: די צײַט איז, פּארשטייט איר, א שווערע, א הארבע,
נאָר קריכנ אראָפּ אינ דער ערד איז פאר אונדז ניט קיינ ארבעט!

זאָגט שפּיקאָוו: דער רועכ האָט אונדז בּיידע געטראָגנ — מיר זײַנענ געפּאָרנ.
ווי קאָנענ עס ייִדנ גאָר קלערנ צו ווערנ שאכטיאָרנ?
זאָגט פּיקאָוו: דער גוי איז געזונט, און פאר אים איז די ארבעט א גוטע,
א ייִד דארפ זיכ זוכנ געשעפטנ קולטורנע, בּארוטע...
זאָגט שפּיקאָוו: מיר האָבּנ געארבּעט א וואָכ, און וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ,
אז נאָר פונעמ רייעכ אינ שאכטע ווערט קאַליע דער מאָגנ...
זאָגט פּיקאָוו: כוץ אַלעמענ מוזט איר עס וויסנ, טײַערע ייִדנ,
ס'זײַנענ ארייַלים פונ אוגדזערע בּרידער דאָרט אויכ ניט צופרידנ...
זאָגט שפּיקאָוו: און פארוואָס זײַנענ ייִדנ פונ די וויסטע דאָנבּאסנ אנטלאָפנ?
ניטאָ ווו צו עסנ, ניטאָ ווו צו וווינענ, ניטאָ ווו צו שלאָפנ!
זאָגט פּיקאָוו: און דאָכ האָבּ איכ מיט שפּיקאָוונ עפּעס געזענ:
מיר האָבּנ דאָנבּאס פונ אנ אופּרײַס גערעטעט אינצווייענ!
זאָגט שפּיקאָוו: יאָ, מיר האָבּנ שוינ עפּעס געטאָנ, אָנ א ווערטל,
מיר האָבּנ א סרייפּע אינ שאכטע פארשטיקט אינ א שאָ מיט א פערטל!
זאָגט פּיקאָוו: נאָר וואָס טויג מיר די מי, אז מע לעקט ניט קיינ האָניק?
זאָגט שפּיקאָוו: איכ ווייס שוינ אפילע, וואָס הייסט: טעראקאָניק.
זאָגט פּיקאָוו, זאָגט שפּיקאָוו... ווער דארפ זיי, די צוויי דעזערטירנ,
וואָס האקנ א טשײַניק די בּערדיקע ייִדנ בּא פינצטערע טירנ!

.20

א רויטע בּרעט. אינמיטנ פּלאצ: א רויטע בּרעט.
אינמיטנ בּרעט א נאָמענ בּרענט: פּואנקארע!
ווי קומט אהער דער אלטער הונט, ווי קומט אהער?
אפ רויטער בּרעט דער אלטער הונט ווי קומט אהער?
ער... דער... ווי קומט אהער?
ניט ווײַט פונ „ענערגיע" — זע:
ליגט די שאכטע: „פּואנקארע".
א שאכטע — א גוטע, קוילנ אסאכ,
נאָר דאָס רעדעלע דרייט זיכ ניט אפ דער שאכטעס דאכ...
דער קליעט שטייט. די שאכטע שטייט.
דאָס רעדעלע דרייט זיכ ניט. די וואסער גייט.

זי כליופּעט און כליופּעט דאָס דריטע יאָר
און בענקט נאָך א קײַלע און בענקט נאָך א שאכטיאָר...
נאָר לעמפּעלעך שאכטיאָרישע פינקלען דאָ ניט מער,
עס דרייען זיך די וואסערן אין בויך פון דער ערד...
ווו־זשע איז די לאווע דאָ? ווו־זשע איז דער שטרעק?
צעשווענקען. אוועק. מיטן וואסער אוועק...

דאָס וואסער רוישט. דאָס וואסער רעדט:
די קוילן אירע גיט זי ניט, זי הייסט פּואנקארע!

דער אלטער באלעבאָס איז געווען א פראנצויז:
אינמיט פון פּאריזש איז געשטאנען זײַן הויז...
און ווען נאָר מיר האָבן דעם אלטן פאַרטריבן,
זײַנען דאָ דינער געטרײַע פארבליבן.
בריוועלעך האָט זיי דער אלטער געשריבן,
בריוועלעך, שורעלעך, ווארעמע פראנקען;
ער האָט זיי נאָך צוגעזאָגט בעסער באדאנקען!
ער וועט זיי באדאנקען נאָך בעסער, געוויס,
ווען ס'וועלן שאכטיאָרן אראָפּ מיט די פיס
זיךווארפן, זיך באָמבלען אפ הויכע טליִעס...
(דער פראנק טוט אין פּיאטעס אין איידלע א ביס!).

מיר האָבן נאָר צופעליק זיי ניט צעשאָסן,
האָבן זיי איצטער די שאכטע פארגאָסן...

דרײַ יאָר האָט די שאכטע אין וואסער געזונקען,
דרײַ יאָר האָט דער קאָפּער מיט שווארצקײַט געוווּנקען,
האָבן שלאָגלערס אין שכײנישע שאכטעס באשלאָסן:
גענוג האָבן וואסערן אין שאכטע געפלאָסן!
האָט מאָלאָטאָווס קאָל איבער שאכטעס געהודעט,
דאָס קאָל פון פּארטיי האָט אין שאכטע גערופן!
שלאָגלערס קענען ברענען, שלאָגלערס קענען ברויזן,
שלאָגלערס האָבן פײַנט פּואנקארעס פראנצויזן!

שלאָגלערס קענען ארבעטן, שלאָגלערס קענען פירן:
די גאָלדענע מינוטן אומזיסט ניט פארלירן!
א שאָ נאָך דער ארבעט קאָן יעדערער שענקען,
און זאָל פּואנקארע אָט די שאָען געדענקען!

ס'איז גאָר ניט קיין נעס און ס'איז גאָר ניט קיין וואונדער:
אכט הונדערט שלאָגלערס — שאָען אכט הונדערט!

געפּאָמפּעט די וואסער, די בלאָטע געפּאָמפּעט,
און נאָכדעם אין שטרעקן גענישטערט מיט לאָמפּן...
עס האָבן די וואסערן פּואנקארעס געפּליוכעט,
נאָר ס'האָבן די שלאָגלערס געארבעט ווי רוכעס!
און היינט האָט דער קליעט זיך צום ערשטן באוויזן
מיט ערשטע וואגאָנעס, מיט שלאָגלערשע גרוסן!

און צייטונגען שרייבן, און צייטונגען מעלדן העלדן:
קורדיעוו און גענדלער, מאלאגין, פּאָרטנוי,
שאשווילי, שעווטשענקאָ, גובענקאָ, קאָסוי...
און נאָך זיבן הונדערט מיט ניינציק צוויי!
א גרוס דעם פארבאנד און א גרוס דער פּארטיי!

... א רויטע ברעט אינמיטן פּלאַץ: א רויטע ברעט,
אינמיטן ברעט א נאָמען ברענט: „פּואנקארע!"

זאָל ער בלייבן, אָט דער קעלעוו, אָט אזוי,
נאָר פון פאָרנט שטעלט אנידער א „דאָלוי!"
דער אוילעם פּאטשט. דאָס פּייקל פּויקט. די ראדיאָ רעדט.
און לעבן זאָל: „דאָלוי פּואנקארע!"

.21

פּאקט נומער פינעף.

נאהאָרא. „ענערגיע". זון שיט די לעצטע פונקען.
טונקל.

אין קאָנטאָרסקע צעכ:
א געשפּרעכ.

פאַרוואַלטער: דער פּלאַנ איז א ווילדער, ניט רעאַל.
(די זונ איז נייטראַל).
שאכטקאָמ: מאסקימ.
פאַרוואַלטער: די מאסע קענ...
טעכרוק: א כאָלעמ... מיט ווילעס אפנ וואסער...
פאַרוואַלטער: די מאסע?
טעכרוק: מאשינעס? אונ מאשיניסטנ?
שאכטקאָמ: זיי ראשנ אומיסטנ!
פאַרוואַלטער: גריניוק איז געווענ אינ קאַקאַ...
שאכטקאָמ: כ־מ־דא...
טעכרוק (אָפּ): מע דאַרפ זיכ ניט רוקנ...
פאַרוואַלטער: מירנ ברעכנ דעמ רוקנ...
שאכטקאָמ: א פּלאנ... טשטאָ נאַדאַ...
פאַרוואַלטער: סײַדנ א מיליאָנ בריגאַדעס...
שאכטקאָמ: מע וואָלט געדאַרפט זאָגנ אפנ אָרט...
פאַרוואַלטער: איכ האָב געוואַרט אפ דײַנ וואָרט...
שאכטקאָמ: אהא...
פאַרוואַלטער: גריניוק איז געווענ אינ קאַקאַ?
(די זונ פאַרשווינדט, טונקלער, קאַלט).

שאכטקאָמ (טרוקנ): מע דאַרפ מאַכנ א סאָפ צו זײַנע טריוקנ...
פאַרוואַלטער: כ־מ... דא... מע וועט דאַרפנ גריניוקנ...

22.

א דונער...
אונטער דער ערד,
איבער גאסנ די קרומע אונ שווארצע פונ שאכטע „ענערגיע",
אינ קאָרידאָרנ פאַרדרייטע, אינ אויוונס, אינ ברעמסבערגס, אינ שטאָלניעס —
א דונער...

ציטערן, פיבערן לאַוועס, צעהודען זיך שטרעקן,
זשעלאַנגישע שפּיצן בלײַבן אין פלאַסטן פאַרגליווערטע שטעקן.

א דונער...
עס שפּאַרט פון שפּאַרונעס, פון פינצטערע ווינקלען א רויך פון פאַרטוכלעטע
אייער,

דער פינקטלעכער שטרענגער קאָנווייער
טוט א טאַנץ, טוט א רוק זיך פאָרויס
און — אויס.

הליבעס און שטיינער און הרודעס און שטויבן פון סטעליעס צעהוידעטע פאַלן,
און אָט קריכן רעלסן ווי שלענג פון די קרומע צעקראָכענע שפּאַלן,
דער מאָטאָר הייבט אָן הוסטן, פאַרכלינען זיך, וואַרגן,
א גאַז־בליץ, א דונער א ווילדער טוט פלוצלינג די שוואַרצקייט א האַרגע.

א דונער...
עס דונערט אין קאָפּ און עס דונערט אין בלוט, שאַכטיאָרן פאַרבלוטיקטע פאַלן...

— פאַרפאַלן?
— קאַפּוט?

איבער פלייצעס, פאַרוויקלט אין שמאַטעס, צעשלענגלען זיך סטענגעלעך בלוט,
אף שטערנס צעקנייטשטע צעקנייטשט און פאַרקוילט ווערן אָדערן פול און געדראָלן,

אפן וועג אפן שמאָלן
שלעפּן פיס זיך, געפּענטעט מיט שרעק.
דער דונער שרײַט,
דער דונער גייט,
דער דונער מעקט!

די אויערן ווערן מיט הילכיקער טויבקייט פאַרשטעקט...

די הענט בלײַבן הענגען ווי טויטע.
די שאכטישע נאכט ווערט געדיכט און צערייצט און צעבויטעט.

מע שרײַט.
ווער שרײַט?
מע יאָגט.
ווער יאָגט?

די קוילעס טוקן זיך אין שטויביקער, פארסאמטער ווײַט.
מיט פאכעד טראָגט,
מיט גרויל
פון יעדער קויל.

— קירילע, סטוי!
— קלימענקאָ, סטוי!

מע שרײַט.
ווער שרײַט?
מע פליט.
ווער פליט?
די קינדער און די ווײַבער רופן פון דער ווײַט,
די אויגן...
וועלכע אויגן?
שטיקער אנטראציט!

די לאווע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, הוידען זיך און רוקן
אף גריניוקן.
— כאוויירים, שטייט! כאוויירים! די מאשין!
— מיט שווערקײַטן קעמפן איז ניט גרינג!

— כאוויירים, שטייט, איר קאָנט אוועק צום גרונט!...
ס'פארטשעפעט זיך די צונג...

א דונער...

דער קליעט פליט. דער קליעט ברומט.
ריפּעט און סקריפּעט
ארוף און אראָפּ,
אראָפּ און ארוף.
ס׳פּייפט די לופט.
ס׳ריטשעט די לופט.
דער קליעט פליט.
די וואסער רינט.
ארוף מיט א ווינטל.
אראָפּ מיט א ווינט.

אין קעמערל איז פול. אין שאכטקאָמ איז פול.
קורץ. שארף. ווערטער: פראָסט.

מאזשאָרני קלינגט.
מאזשאָרני רופט.
איבער טעלעפאָנען
פליט א פראָסט.

אין אלע קאָנטאָרן:
— SOS!
— צוויי און צוואנציק פערציק!
— פיר און צוואנציק זעכציק!

— דעם רייקאָמיוג!
— דעם עמ. פע. קא!

די דראָטן גייען
אין עמ. פע. קא!
די דראָטן גייען
פון עמ. פע. קא!

פופציק באָלשעוויקעס נא־האָרא!
זעכציק קאדראָוויקעס נא־האָרא!

פּופּציק באָלשעוויקעס
אראָפּ מיטן קליעט,
זעכציק קאַדראָוויקעס
אראָפּ און — העט!
מיט גאַזעווע מאַסקעס
די פּענימער פאַרמעקט,
מיט פינקלענדיקע לעמפּלעך די שטרעקן צעפּלעקט.

דער קליעט פליט. דער קליעט שרייַט.
סקריפּעט און כריפּעט
ארוף און אראָפּ,
אראָפּ און ארוף,
אראָפּ—געשווינד,
ארוף—געשווינד,
אראָפּ מיט אַ ווינטל,
ארוף מיט א ווינט!

*

איבערן לאַנגן צענטראַלן שטרעק
יאָגן וואַגאָנעטקעס ליידיקע צוריק,
איבער ברעמסבערגס לויפן לאַנגע שטריק,
יאָגן וואַגאָנעטקעס ליידיקע צוריק,
הוידען זיי, שלעפּן זיי די לאַנגע שטריק.

און אכצן פערד, אכצן פערד
ווארגן זיך, שטיקן זיך אונטער דער ערד,
דריַי הונדערט מעטער
אונטער דער ערד.

מיט שטראָמען געדיכטע
גייט דער מעטאַן,
דער סוינע גייט...

ער שטיקט, ער סאמט,
אלע וועגן צום קליעט ער צאמט.
אלטע שאכטיאָרן—זיי זײַען געניט.
הילכן אין שאכטע שאכטיאָרישע טריט.
זיי ווייסן די וועגן. זיי ווייסן גוט:
פּאניק און שרעק איז דאָ — קאַפּוט!

טיף דאָרט בונטעוועו די וועגטלעך, שלײַדערן די קלעצער,
קאַם די לײַבער אופגעהויבן, אַף די פּיס געשטעלט זיך.
פּיס זײַנען מיט בלוט פֿאַרגאָסן, קעפּ זײַנען פֿאַרסמאַלעט,
און עס דונערט נאָך מיט אופרײַס אין די קעפּ בא אַלע.
פֿון די שפּאַלטן, פֿון די קוילן רינט דער גאַז נאָך מערער,
שטעכט די אויגן, עסט די אויגן, כליופּען ריטשקעס טרערן.

בא זײַן שלאָגלערישער לאווע איז גריניוק געשטאַנען.
— ניט געכניטשעט, זאָגט ער, בראַטצי, ס'איז אַ וועג פֿאַראַנען!
זײַן בריגאַדע די באַוווסטע איז לעם אים געשטאַנען.
— ניט געכניטשעט, זאָגט ער, בראַטצי, לאָמיר גיכער שפּאַנען.

נאָר די לופט האָט געקלאָקאָטשעט און די פּיס געפּענטעט!
ווינטן זודיקע און שטאַרקע כליעשטשען אין די וועגטלעך.
— וווּ ז'דער אויסוועג? וווּ ז'די לאווע? וווּ ז'דער טראַנספּאָרמאַטער?
טוט אַ כריפּע גילבורס שטימע אין דער נאַכט פֿאַרמאַטערט.
שווערע הליבעס, גאַז און ווינטן, קוילעס מידע פּלעטן:
— וויפֿל איז מען? פֿיר און צוואַנציק?! אַמבאַ? צי מ'עט רעטן?
טראַכ... די לאווע טוט אַ פּלעטש דער דונער.

פֿון דער שלאָגלערישער לאווע בלײַבט נאָר אַ שפּאַרונע.
— וויפֿל איז מען? אכצן שלאָגלערס! זעקס האָט ניט געסטײַעט.
שוואַרצע לונגען, ברייטע רעבערס האָט דער פּלאַסט פֿאַרטײַעט.
— וויפֿל איז מען?—קוילעס קוויטשען מידער און פֿאַרשײַטער:
— ניט געוויינט און ניט געגענעצט, לאָמיר קריכן ווײַטער!

איבער געסלעך פון דער שאכטע טוט א יאָג אפּסנײַ
א ווילדע קאַנאָנאַדע און א דולע קוויטשערײַ...
גילבור דערשרעקט זיך:
— הערט! הערט!
ענטפערט גריניוק:
— דאָס ריטשען די פערד!
פאַנאַסיק דערשרעקט זיך:
— הערט, עפּעס יאָגט!
גריניוק מיט פּאַכעד:
— די וואַסער שלאָגט!

דער ריטש האָט נאָך מערער פאַרגיפטעט די לופט.

— עמעצער רופט?
— דאָס ריטשעט די לופט!

עס שרײַען די פערד אָט דאָרט. ווײַט.
קאָפּעטעס — וועקן די ווענט פאַרשײַט.

פלאַצן די אויגן פון גאַז און פון שרעק.
ווו איז דער שטרעק?

מיט געפּלאַצטע אויגן פליִען פערד ווי כמאַרעס.
טופען קאָפּעטעס די קוילן, גייט פון פעל א פּאַרע...

אין פינצטערער סטעליע,
אין דעמבענער גרעב
צעגערעקט די מאָרדעס,
צעמאַזיקט די קעפּ.

דער גאַז האָט אין שאַכטע
די וועגן פאַרקלעפּט,
פאַלן אַף רעלסן
צעבלוטיקטע קעפּ.

אכצנ פערד,
אכצנ פערד
קוויטשענ אונ ריטשענ,
אז ס'ציטערט די ערד.

ווידער א דונער. ווידער א קנאל.
ליגנ שוינ טויטע די אכצנ פערד.
וויינענ די קראָענ
אפ הויכע בערג —
ווער וועט זיי פּיקנ,
די אכצנ פערד?

*

פונויבנ שטייט א גרויסער אוילעמ.
פּוסטע וואגאָנעטקעס ווארטנ אפ די קוילנ.
אפנ שפּיץ פונ קאָפּער דרייענ זיכ די שקיווג.
וואָס פאר גרוסנ וועט די שאכטע שיקנ פונ די טיפנ?

בלייכע פרויענ פונ שאכטיאָרנ ווארטנ אפ די מענער,
ווערנ אויגנ בא די פרויענ פונ די טרערנ קלענער.
הונגעריקע וואגאָנעטקעס ווארטנ אפ די שלאָגלערס,
קינדער בעטנ זיכ בא מאמעס:
— וויינ ניט, מאמע, קלאָג ניט!

אינדערהייכ איבער דער שאכטע שרײַענ טעלעפאָנענ.
אינדערנידער, אינדערפינצטער רוישנ קאמעראָנענ.
נײַנ אונ צוואנציק קאמעראָנענ זשליאָקענ נאָר אונ זופנ,
אונ די שטראָמענ פונ די טיפנ טראָגנ זיכ אונ טופּענ.

אָטעמענ די לאנגע ארבל. ציטערנ אונ זשליאָקענ.
אונ די וואסער הייבט זיכ, הייבט זיכ פונ די שווארצע שטאָקנ...

און פונונטן, אינדערנידער קריכן זעכצן שאָטנס.
צוויי האָט פריִער מיט א רעגע ווילדער קנאַל פארשאָטן.
פונעם דאך און פון די לעכער אפן גרויסן שטורעם
קריכן אפ די הליבעס־שפּיצן, פישטשען גרויע טשורעס.
ניט קיין שרעק אין נאָדל־אייגלעך — דאכט זיך, אז זיי בעטן
בא די פלאסטן, בא די מענטשן, בא דעם שטורעם: רעט אונדז
דאכט זיך, אז די וועגן אלע זײַנען שוין פארוואלגערט,
און פון אלע עקן שאכטע דער טשובאטער קנאַל גייט!

נעמט א בליציקע יעדיִע שטעכן ווי מיט מעסערס:
שטראָמען גייען, שטראָמען וואקסן, שטראָמען ווערן גרעסער.
אלץ, וואָס ס'האָט די טיף פארהיט דאָ, טראָגן שטראָמען ווילדע,
און די וואסערן די מוטנע יאָגן מיט געפילדער.
שלאָגט דאָס וואסער ביז די קניִעס הייסער און פארשײַטער.

טוט א קאָל א פאל אין וואסער:
— פיר אונדז, אלטער, ווײַטער!

ווידער בוכקעט, ווידער בולקעט, העכער שרײַען שטראָמען.
— צו דעם העכסטן האָריזאָנט! א רוק אין זייער נאָמען!
ברעטער, שפּענער, ברעוונעס אלטע טראָגן זיך אין אָפּגרונט,
אויך פונדאנענ וויל דאָס וואסער, וויל דער שטראָם ניט אָפּגיין

די שאכטיאָרן קריכן העכער, שטשורעס בייזע קוקן
אפן וואסער, אפ די ברעוונעס, אפ די שווארצע רוקנס.

— שטיי! ווו זײַנען די שאכטיאָרן? זעכצן נאָר געבליבן. —
שלעפּן זיך די זעכצן שאָטנס אין א דולן פיבער...
— גיכער! — טוט גריניוק א כריפּע — שלאָפט ניט, מײַנע רוכעס,
ס'קאָן אונדז אָניאָגן אָט יענע ווילדע זאווערוכע!
— אויב דער מײַרעוו־וועג פארשטאָפּט איז ביזן קרומען דעכל, —
ווען מיר די קעפּ די מידע אינעם דאך צעברעכן!

— שטייט נאָר! הערט! — א קאָל א ווארעמס טוט א ברי די הערצער.
— אָט אהערצו קריכט, בראטישקעס! קראַפּקעט זיך אהערצו! —

אלע ווארפן זיך אהינצו. וועגן אומבאקענטע.
און די מידקייט, ווי מיט קייטן, האָט די פיס געפּענטעט.

— צו דעם ברעמסבערג צו דעם פינפטן לאָמיר גיכער שפּאַנען,
דאָרט איז, ברידערלעך, געוויס קיין וואסער ניט פאראנען!

נאָר דער אומרו וואקסט נאָך מער: — ווו זיינען מיר פארקראָכן?
וואָס פאר אלטע שימל־קרעפּעס צוגעדעקט מיט מאָכן?

און פונוואנען קומט אהערצו זשאווער אף קאנאטן?
— אלטער קראָט, ס'האָט דיין זיקאָרן, דאכט זיך, דיך פאראטן —

דאָ ז'א דעמבענע די „סטויקע", דאָרטן — א סאָסנאָווע!
פלוצלינג טוט א טראסק א טראָג זיך טרוקן און שוין נאָוונט...

אלטע קערפּערס קוקן קאָסע, ס'גייט א ניליע־דרייעך.
— א, כוואָראָבע, — שעלט זיך גילבור, — עפּעס ליגט א ווייעכס.

— עך, טשודאק דו איינער יאשקע, ס'איז א פערד א טויטער.
ס'האָט דער שטורעם, די כאָלערע, אים דעם בויך צעבויטעט...

קריכט מען ווייטער. — היי, וואָס שווייגסטו? — טוט גריניוק א כריפּע
און ער שטשופּעט אין דער פינצטער אזא מאָדנע הליבע.

— כאווער, ווארט נאָר, ס'איז א מענטשל! — שרייט שוין אין גריניוקן
און ער שלעפּט אים אף זיין מידן, בלוטנדיקן רוקן.

אויסגעמאטערט, אויסגעהונגערט, שלעפּן זיי דעם קערפּער.
פלוצלינג טראָגן זיך פונוויטנס כאווערישע ווערטער:

— עך, איר באבעס, זיך דערשראָקן? פוסטע מייסעס, פוסטע,
צען מאָל שטארבט מען דאָך ניט, ברודער, איינמאָל שטארבן מוזטו!

— אָנגעכליעפּטשעט זיך מיט גאזן? — אָנגעזופּט מיט ווינטן?
אונטער זעכצן מידע שאָטנס הוליען לאבירינטן.

אין צעטרערטע רויטע אויגן שווינדלט נאָך דער וויכער.
— נו, בראַטישקעלעך, וואָס שטייט איר? וואַגאָנעטקעס, גיכער!

פון שאַכטע „ענערגיע“ דער רייעך פון אופרייס זיך טראָגט.
דער ליפט פליט. דער ליפט יאָגט.

כריפּעט און סקריפּעט
ארופ און אראָפּ,
אראָפּ און ארופ.
ס׳פּייפּט די לופט,
ס׳ריטשעט די לופט.
דער קליעט פליט,
די וואסער רינט.
ארופ מיט א ווינטל,
אראָפּ מיט א ווינט.

שרייט „נא־האָרא!“
— סלאווא! אורא!
— סלאווא! סלאווא!
די העלדן פון דער לאווע!

ס׳לויפן שוין ווייסינקע בינטן ארום איבער וואונדן,
און ס׳ווערן די וואונדן מיט ווייסינקע בינטן פארבונדן.
די לופט טוט א לופטער די אויגן, די הערצער, די לונגען בא יונגען,
אין העלדזער שוין שווענקען זיך ליכטיקע פּאסיקלעך וואסער,
עס ריידן שוין מונטער די העלדן פון טיפן דאָנבאסער!

און ס׳טוען די אויגן די טיפּעוּא ליכט בא גריניוקן:
— ווען האָב איך געשלעפּט פון דער טיף אָט אהער אפ מיין רוקן?
דער אוילעם צעלאכט זיך: קעדיי געווען שלעפּן דעם גאנעוו!
קעדיי געווען שלעפּן דעם רייסער קירילקע קודלאנען!
— קירילקע? קודלאנען? וואָס זאָגט איר? ציקאווע!
— נישקאָשע! טשעוואָ טאם! ער איז דאָך א שלאָגלער אין לאווע!

ער האָט דאָך ערשט נעכטן קרימטשאנסקין געהארגעט, געשלאָגן!
קעדיי געוועזן, אלטער, די פּאדלע דידאָזיקע טראָגן! —

קירילע קודלאן האָט געעפנט די אויגן. וואָס טוט זיך ארום אים?
ער ליגט אף א בעטל איינגעדרויסן, א נאסער, א שטומער.

און אָט ליגט גריניוק און פּאנאסיק, שאשווילי און יאשקע,
וואָס טוט זי ארום אים, די גוטע, די נימעסע בראשקע?

און א בליק א קאָסאָקע מיט קויטיקן גיפט פון פאראכטונג
טוט זיך א גליטש איבער בעטלעך, ווו ס'ליגן די העלדן פון שאכטע...

— זדראָוואָ, קירילע קודלאנטשיק! — טוט גילבור די אויגן א זשמורע:
— ווו ביסטו געווען, ווען דער גאז האָט געדושעט די שטשורעס?

קירילע צעעפנט די אויגן פארוואונדערט און ברייטער,
און ס'שטעכן די ווערטער נאָך מער, ווי דער שטומפּיקער ווייטעק.

פּאנאסיק טוט אויכעט די אויגן די שמאָלע א זשמורע:
— דו ווייסט כאָטש, ווער ס'האָט דיך געראטעוועט, קרעציקע שקורע?

פארנאכט האָבן קלויסטערשע בענק אינעם קלוב
זיך געהוידעט פון הייסע געשרייען.
גערעדט האָט מאזשאָרני. גערעדט האָבן אלע:
— מיר וועלן ביז איינעם אראָפּ אין די נאכט-גאלערייען!

— ווער זאָגט עס פארפאלן?
— מיר, באָלשעוויקעס,
— מיר, קאדראָוויקעס!
— ס'וועט קיינער פון אונדז ניט דערלאָזן,
דער פּלאן זאָל פארבלייבן אָט דאָרט אין די בייזע זאוואלן!

האָט געפינקלט דאָס שאכטישע לעמפּל אין האנט בא מאזשאָרנען.
האָבן לעמפּלעך געפינקלט בא אלע...

אראָפּ איז אין טיפ פון דער שאכטע די שלאָגלערשע מאַסע.
ס׳בולקענ און אָטעמענ שווער קאמעראָנענ און פּאָמפּענ די וואסער

די זעכצנ, וואָס זײַנענ אפּ בעטלעכ אפּ ווײַסע געליגנ,
זײַנענ אויכעט אראָפּ אינ די טיפנ מיט קײַלעס און לאָפּעטעס
גראָבנ פונ טיפנ די זיגנ

און דער לעצטער אראָפּ איז מיט ליפּנ מיט פולע,
מיט אויגנ מיט שטילע—
קירילע...

ס׳איז קלאָר געוועג אלע:
די מענטשנ, די שקיוונ, די שטערנ,
זיי זײַנענ אראָפּ אינ דער טיפ אפּ א שלאכט אפּ א שווערנ,
און וועלנ צוריק זיכ ניט קערנ,
ביז ס׳וועט יעדער האנט,
יעדער הארצ,
יעדער מוסקל
קיינ שלאָגלער ניט ווערנ!

דריטער טייל

.1

אָט ליגט זי, די ערד די דאָנבאסער,
מיט פלאַטשיקע בערגלעך באדעקט,
מיט ריטשקעס
אונ טײַכלעך
באוואסערט,
מיט גריבער מיט טיפע צעפלעקט...

צום דאָנעצ אונ צו ברעגנ אזאָוועך
פונ ריטשקעס דער שטענדיקער ברויז, —
זיי טראָגנ די שווארצע פּאָלאָווע,
וואָס יאָגט פונ די שאכטעס ארויס...

זיי וויגנ די כוואליקע שיכטנ
אונ וויגנ דעמ טומל פונ שטאָט,
זיי טראָגנ דעמ ראש דעמ געדיכטנ,
וואָס שפּארט דאָ פונ יעדער זאוואָד...

אָט ליגט זי, די ערד די דאָנעצער,
צעקעסטלט,
צעשאכטעט,
צעצעכט
מיט שטרענגע צעווירעטע פלעצער,
מיט הייסע צעצונדענע נעכט,

מיט קוימענס מיט יונגע געפאנצערט,
מיט רעלסנ מיט נײַע פארקלעמט,
א הייסער
טשוהונענער
טאנצ האָט
די ערד די האָרבאטע צעקעמט...

עס וואקסט די דאָנבאסישע שטארקײַט,
פונ זיגנ ווערט רויטער די פאָנ.
אונ אָט לויפנ די בלינדע כיבארקעס,
ווענ א מויער א נײַער גרײַפט אָנ...

נאָר די הויט אפ דער זונ נעמט זיכ שיילנ,
אונ א גליוועך פונ גליי זיכ באוועגט,
ווענ בלינדע כיבארקעס דערציילנ
פונ שווארצע פארבורעטע טעג.

.2

א צוויי הונדערט יאָר פאר אָקטיאבער
האָט פיאָטר
דער ערשטער
געהערשט,
ס׳האָט רוסלאנד אינ שטרויענע שקראבעס
געשלעפט זיכ א ווערסט נאָכ א ווערסט...

אינ טאָלנ,
אינ וועלדער,
אינ יארנ
האָט פיאָטערס נאהײַקע געפײַפט,
אונ ס׳האָבנ בא פעטע באָיארנ
די בײַכער געהויבנ זיכ שטײַפ...

פון דער קרוין ביז די דאָרפּישע גרונטן
האָט רוסלאַנד באַלאַגערט די שרעק,
צעפּלאַקערטע פּויערשע בונטן
האָבן שטרויענע
שטילקייט געוועקט...

מיט צעהיצטע בונטאַרישע אויגן
האָט דער הונגער די דערפער געפירט,
ניט איין האַלדז האָבן טליִעס פאַרצויגן,
ניט איין קייט
האָט געהילכט
אין סיביר.

איבער פוסטקייט פון רוסישע ברייטן
האָבן „טרויקעס" זיך מידע געשלעפּט,
און רייטערס מיט לאַנגע טרומייטן
האָבן קאַלט
געטרומייטעט
אין סטעפּ.

און איינמאָל געפאָרן איז פּיאָטר
קיין אַזאָוו און קיין טאַגאַנראָג.
אין וועגן, מיט שטומקייט פאַרשאָטן,
טוט שערעמעטיעוו א זאָג:

— אָט דאָ, אין די בערישע ווינקלען,
איז דאָ אַזא שטיין, וואָס ברענט...
א גלאַנציקע קויל האָט געפינקלט
אין דינערס
געכאָוועטע
הענט...

קוקט פיאָטר אַפ שטייגדלעכ צעפלאמטע,
זײַנ קאָל
טוט אינ פוסטקײַט
א הוד:

— Сей минерал ежели не нам, — — то потомству полезен будь —

— „עט!
אַפנ דאָנ אינ ד'קאָזאַקישע כוטערס,
אַפ וואָראָניעזשער
פינצטערער ערד,
ווּ דאָס דאָרפ בעלאָגאָריע רוט איצט,
אינ די גרויע
אָליענער בערג —

„די „נאראָטשנע” גלײַכ שיקנ מוזט איר
א גראָב טאָג דעמ פינצטערנ שטיינ,
אָט דעמ, וואָס אנטדעקט האָט קאפוסטינ,
א גראָב טונ
דרײַ קלאפטער
אונ מײנ...

•

„ניט פארלירנ אפילע קיינ רעגע!
דעמ ארצ
אונ דעמ שטיינ —
פינעפ פוד
ברענגענ אינ בערג־קאָלעגיע
אונ דאָרטנ אימ אויספרווונ גוט!”

אין דער טיף האָבן וואָרצלען געריזלט
פון א נײַעם,
א בלײַקן קלאַס,
ווי אן אָנזאָג פון קאַפּיטאַליזם,
האָט א הילך געטאָן פּיאָטערס נאַקאַז.

און אזוי איז אוועק א געשיכטע
פון דרײַפאַכער קנעכטשאַפט און נויט,
מ׳האָט מיט לאָמען
די שטילקײַט פארניכטעט,
מ׳האָט געשונדן
פון ווערסטן
די הויט...

פון שטילע, פון שטרויענע כאַטעס
דעם פויער אָפּ קייטן געשלעפּט,
עס האָט
ניט איין טויזנט אוואַדע
געלייגט אין די שאַכטעס די קעפּ...

מיר הערן דעם ליאַזג פון די קייטן,
דעם לעצטן געשריי אינעם הויף
פון פויערים מיט היימען צעשיידטע,
וואָס ס׳האָט נאָך פּאָטיאָמקין געקויפט...

האָט מען קיין רוסלאַנד געבראַכט דאַן
דעם ענגלענדער ניקסאַן יאַגאַן,
די ערשטע דאָנבאַסישע שאַכטע
האָט א קוק געטון קרום אפן לאַנד...

אין לאנד איז נאָך שווארצער געווען דאן
וי דער פינצטערער גלאַנץ
פון א קויל,
ווען געקומען ז'פון ווײַטערע לענדער
דער געלערנטער גרײַזער האסקוינ...

די ערד זאָל מיט שאכטעס א רעד טון
איז געווען
דער היסטאָרישער מוז, —
דער פירשט קאָטשובײ האָט פארבעטן,
איז פון ענגלאנד
געפלויגן דזשאן יוז.

אזוי האָט די ווילדקײַט צעטופעט
פון רעלסן דער אײַזערנער גאנג,
און טויטקײַט
פון אלטע כאלופעס
האָט א פײַפ פון סירענעס דערלאנגט...

געשמעקט האָט אפ קויליקע שטויבן
מיט קוימענס,
מיט רעלסן,
מיט דראָט...
און ס'האָט זיך צו הימלען געהויבן
דער יונגער
לוגאנסקער זאוואָד...

און אזוי
איז געגאנ די געשיכטע
פון דרײַפאכער
קנעכטשאפט
און נויט...

די דרייטטע מיט קייטן
פארניכטעט
פון שוואכע
געשונדן
די הויט...

די ביינער פארמישט אין פּאַראַדעס,
די מוסקלען
פארקנאָטן
אין פלאסט,

פון דאָרטן נאָך ציט זיך
דער פאָדעם
צו דעם, וואָס מיר רופן איצט:
קלאס!

ווען ס'לעבן נאָך איצט
יענע שינדערס
און הענדלערס
מיט פויערשן לײַב,
זיי וואָלטן אוואדע אצינדער
געווען עמיגראנטן
בא לײַט...

זיי וואָלטן פארטאנצט יענעם שוידער,
זיי וואָלטן
באגראָבן
די שאנד
און וואָלטן אוואדע געפּלוידערט
פון צוואנג־מי
בא אונדז
אין פארבאנד.

אין קיין נאָמען,
קיין העלד ניט געבליבן,
צו אונדז האָט דערלאַנגט
נאָר דער האַס,
ווען דאָס פֿייערשע בלוט האָט פֿאַרשריבן
פּיאַטער דעם ערשטנס
נאַקאַז.

3.

זון צי פֿראָסט ?
טאָג צי נאַכט ?
רעגן צי שניי ?...
די ערד איז גלײַך און קרום און קײַלעכיק און בערגיק ;
פֿון אונטער דער ערד,
מיט קאָרע באַדעקט און מיט גליי,
רײַסט זיך און טראָגט זיך און ברויזט
די ענערגיע...

קירקעס, זשעלאָנגעס,
ראָד און שרויף,
מוסקלען, הענט...

וויגט זיך און טוקט זיך און בלענדלט דער בלינדלעכער
פֿײַער פֿון לעמפּלעך...

גייען אין אָנגריף די אויגן, די הערצער, די לונגען, די הענט,
קײַקלען זיך טראָפּעלעך שווייס,
ווי די גולן פֿון שווערן פּראָצענט,
ווען מע גראָבט און מע האַקט און מע וועקט
די פֿאַרשלאָפֿענע טעמפּן...

זון צי פראָסט?
טאָג צי נאכט?
רעגנט צי שנייט?
אלץ איז דאָרט אפ דער ערד, אפ די ליכטיקע שליאכן, פונויבן!
דאָ האָט זיך די נאכט,
די שטענדיקע נאכט די געדיכטע צעלייגט
אפ שטרעקן, אפ לאוועס,
אפ הענט און אפ אויגן,
אפ לעמפ
און אפ שטויבן...

פאסן פון לופט...
שערן פון ווינטן צעשערן די לופט.
פליִען די שערן די לאנגע
דורך לאנגע און שמאָלע קאנאלן,
זיי לויפן ארופ און זיי לויפן אראָפ
און ווארפן די פרישקייט
אפ ווענט
און אפ קעפ
און אפ שפאלן...

הוליעט דער שטויב,
די וואסער רינט.
פון ווייט העט־העט
שלענגלען זיך פאסיקלעך וואסער דאָנבאסער
דורך שטרעקן דורך מאטע.
הירזשען די פערד,
ווען זיי פירן די קוילן צום קליעט,
און ס׳הירזשען
און פייפן
אין ברייט און אין לענג
ווענטיליאטערס...

ליגן די גלאַנציקע פּלאַסטן,
די פּלאַסטן די פּעטע, פאַרקלעמט,
גייען איבּ אָנגריפ די אויגן, די לונגען, די הערצער, די קײַלעס.
ווען ס׳הייבּן שאַכטיאָרן
די שוואַרצע צעפּלאַקערטע הענט —
טראָגט זיך דאָס הירזשען,
דאָס קרעכצן
דאָס וויזשען
אַפּ מײַלן...

געדענקען די הערצער, די אויגן, די זילבּערנע קעפּ,
געדענקען, ווי הימלען געדענקען
דעם גלײַכן בּלוטיקן זון־גאַנג:
ווען ס׳האָבּן די פּרויען די זאַטע,
די רײַכע,
די פּעטע
געוועבּט
זעלטענעם טונקעלן זײַד פון שאַכטיאָרישע לונגען...

.4

פאַרגאַנגענהײַט
ניט בּלויז פאַר דיכטונג,
ניט בּלויז פאַר טרוימען און געזאַנג,
מיר דאַרפן פאָרשן די געשיכטע,
קעדיי פאַרלײַכטערן דעם גאַנג!
מיר דאַרפן
וויסן
די געשיכטע,
קעדיי פאַרמערן אונדזער דראַנג
מיט קלאַסן־טאַט, מיט קלאַסן־דיכטונג,
מיט קלאַסן־טיפקײַט פון געדאַנק!

ווער שטייט עס בא דער זייַט און מורמלט?
ווער שטייט עס בא דער זייַט
און טייַט:
— „עפּאָכעס האָבן אָפּגעשטורעמט,
פאַרגעסט, וואָס איז שוין אַלט און ווייַט!"

און קוילעס מוטנע, פליכעוואַטע
באַסלינען שטאָל פון אונדזער טראָט:
— „גיט הייַנט א כורוועלע, א כאַטע
אַנשטאָט א מאָרגעדיקער שטאָט!"

ניין, ניין! די העלדן דאַרפן קענען אַכטן
די שטאָלצע זיידעס פונעם קלאַס,
און מיטן אויג, וואָס בליצט אין שלאַכטן,
דערזען די צוקונפט פון דאָנבאַס!

אין ווייַטן גאַנג פון ווייַטע יאָרן
דערזען דעם מאָרגיקן געוועב,
אין באָלשעוויסטישן זיקאָרן
דער לאַנגער וועג פון העלדן לעבט!

מיר מוזן וויסן די געשיכטע
פון יאָך, פון נויט, פון דרוק און קריג,
אַז אונדזער קלאַס זאָל פעסט און ניכטער
די רעלסן שפרייטן פאַרן זיג;

אין קלאָרע צוקונפטיקע כוואַליעס
א שווענק טאָן שווערקייַט פון די טריט,
און יעדער אָס
פון ווערטער
סטאַלינס
זאָל ווערן הייַנט אין טאַט געשמידט!

.5

אין מ. פ. ק.
אין הויכן קאבינעט.
דאָ קלינגען ווערטער וואָגיק און אנטשלאָסן,
דאָ קלינגען ווערטער פעסט,
מע רעדט געפרעסט
און שארף,
און יעדערער דאָ זאָגט נאָר וואָס מע דארף!

פון מ. פ. ק.,
פון הויכן קאבינעט,
צעלויפט א פּאָדעם זיך אין דערפער און אין שטעט!

דאָס קאָל פון מ. פ. ק. —
אין שאכטעס, אין געוועט.

שטילער, כאוויירים!
דער מ. פ. ק. רעדט!

דאָס קאָל פון מ. פ. ק.:
וויַיזט,
פירט!
דאָס קאָל פון מ. פ. ק.:
פינף אין פיר!

דאָס קאָל פון מ. פ. ק.:
מאסן. שאכטיאָרן.
דאָס קאָל פון מ. פ. ק.:
פלאסטן. מאָטאָרן.
דאָס קאָל פון מ. פ. ק.
מיליאָנען הערן!
צענדליקער פארגייען,
מיליאָנען ווערן!

איבער דאָנבאַסישער פּלאַסטישער ברייט
דאָס קאָל גייט
פון מינדסטן קעמערל
און ביזן קאָמינטערן!

פּירערס געניטע
אין מ. פּ. ק...
די פראַגע די דריטע
איז היינט אזא:

3) וועגן אופּרייס אין שאַכטע „ענערגיע".

(אין דרויסן איז זומער,
א ווארעמער רעגן).

פּראָטאָקאָל נומער...
וועגן...

די ערשטע פראגע:
פלייש פאר דאָנבאַס.
די צווייטע פראגע:
א נייער מוזיי
(דער וועג פונעם קלאַס).

דער פאָרזיצער רויכערט.
דאָס וויפלטע מאָל?
פון בליק טוט א הויך
מיט אָפּגלאַנץ פון שטאָל.

די לופט טוט א מינטער
זיין מונטערע שטים,
און ווייט הינטער
אים:

צעלויפן זיך יאָרן, צעלויפן זיך גיך,
ס'האָט יעדערס געלאָזט אונטער אויגן א שטריך,
פארגעסענע יאָרן פון קײַלע און שטרעק,
מיט שטרײַקן, מיט קאמפן, מיט פינצטערע טעג.
די נעכט אף די פערד איבער כאָרעווע שטעט,
די יאָרן פון ארבעט אין מאָסקווער סאָוועט...
דער צענטער צוזאמענפאָר. לעניג. קראָנשטאט.
צעלויפן זיך יאָרן אין רוף און אין טאט.
איצט זיצט ער אָט דאָ אין דאָנבאס און ער פירט.

— איז ווער אינפאָרמירט?
— כאווער מאזשאָרני.
— גוט.
— כאווער מאזשאָרני. פופצן מינוט.

— „ס'איז ניט קיין צופעליקע זאך
דער אופרײַס אין שאכטע „ענערגיע",
מיר האָבן געארבעט שוואך,
באזונדערס דער כאווער בערגינ"...

(און ווייסט,
וויאזוי דער פארוואלטער הייסט).

— „די אָנווײַזן פון דער פארטיי
פלעג מען אין שופלעד פארשפארן,
מ'האָט פלענער געשריבן אף שנייי
און ניט זיך געשלאָגן פאר זיי,
ווי ס'דארפן
דאָס טאָן
קאָמונארן!

„דער אופרײַס האָט אופגעריסן
די סיסטעם פונעם כאווער בערגינ,
ס'פאָדערט א קער איצט א ריזיקן
די שאכטע „ענערגיע".

פונקט גוט.
פופצן מינוט.

און ווען ס'האָט דערזאָגט
דער כאווער דער צענטער,
האָט באקומען א וואָרט
די קאָמיסיע פון צענטער.

כאווער ברוק. ר. ק. ל.
וועגן שאכטע „ענערגיע".

די אויספירן זײַנען אזוינע:
דער סוינע
האָט נעצן געפלאָכטן, האָט נעצן געשפינט,
נאָר בלינד זײַנען אונדזערע כעוורע געווען.
עס האָט זיי דער טינט,
דער שפיץ פון דער פען
פארשטעלט
די וועלט,
דעם קלאס,
די פארטיי.
דער כוש האָט פאראטן זיי.

אפ ווײַטער:
בערגינען באזײַטיקן,
ניט נאָר בערגינען,
נאָר אויך די מעטאָדן!
מיטן פלאן אפ קיין רעגע, קיין האָר ניט פארשפעטיקן.

מאושאָרנינ אנ אויסרייד. קלאָר איז גערעדט אָט דאָ:
נײַע באדינגונגענ — נײַע מעטאָדנ!

קיינ איינ מינוט אומזיסט ניט פארלירנ!
קיינ איינ מעכאניזמ טאָר ניט שפאצירנ!

אויס אנאָנימקע! ס'דארפ וויסנ דאָנבאס:
יעדער מאשינע — איר פאס!
אכט די קאדרענ! וויניקער רויכ!
דער באדינונג פונ ארבעטער — די געהעריקע הויכ!

אכט דער טעאָריע! דער לאווע — אכט!

די זיצונג איז פארמאכט.

.6

אינ קאָמיוגישער לאווע צעגייענ זיכ מונטערע קלאנגענ.
די גרויע רעשטאקעס, וואָס זײַנענ געלעגנ פארקלעמט,
האָבנ זיכ ווידער צעצויגנ אינ סטענגעס אינ לאנגע
אונ האָבנ זיכ ווידער צעהוידעט צווישנ צעקלעצלטע ווענט.

דער „אייקהאָפּ“ האָט זײַנ ציקל דעמ טאָגיקנ נאָכ ניט פארענדיקט.
בא דער זײַט פונ קאָנווייער דער שטיב ווארט מיט פלעמלעכ באדעקט,
אָט וועט אימ א נעמ טאָנ דער לאנגער קאָנווייער, ווי שטענדיק,
אונ וועט אימ א טראָג טאָנ אראָפּ צו וואגאָנעס אינ שטרעק.

אינ קאָמיוגישער לאווע
צעהוידענ זיכ מונטערע לעמפּלעכ,
דער נײַער פארוואלטער האָט ערשט די רעשטאקעס באקוקט,
געלויבט די בריגאדע
פאר גוטע, פאר שלאָגלערשע טעמפּנ
אונ געלויבט די כאוויירימ פּאנאסיק, גילבור אונ גריניוק.

די גרויע רעשטאקעס, וואָס זײַנען געלעגן אין שטויבן,
וואָס האָבן ערשט פֿריִער מיט א פינפטאָג געזשאווערט באַם וועג,
האָבן זיך איצטער געהוידעט, געגליטשט, געהויבן
און האָבן געגלימשט דעם שטיב און די קוילן צום שטרעק.

דער ביזער „אייקהאָפּ" איז געשטאנען לעם פּלאסט און געזעגט,
דער שטיב איז געגאנגען פון אונטערן פלאסט מיט געשריי.
ס'האָט נעכטן באטאָג מיט זײַן שליטן זיך יאשקע געזעגנט,
איצט זיצט ער באַם זײַט פון קאָנווייער און שלײַדערט דעם גליי.

דער רימען האָט הײַנט זײַנע זײַטן שוין מער ניט געשניטן,
דער שטויב און די היץ האָט דעם בליק זײַנעם הײַנט ניט געגלאָזט.
דער ווײ און דער דרוק און דער שלעפּ איז געבליבן אין שליטן,
וואָס האָט די קאָמיוגישע לאווע אף אייביק פארלאָזט!

לעם יאשקעלע גילבור, לענגויס דעם קאָנווייער דעם לאנגן,
זײַנען מיידלעך און ייִנגלעך געזעסן. קאָמיוג האָט געשיקט.
דער לאנגער קאָנווייער איז איבער דער לאווע געגאנגען
אהין און צוריק,
אהין און צוריק,
אהין און צוריק!

די רעשטאקעס הוידען זיך
אראָפּ און ארויף,
הוידען זיך די לעמפּעלעך,
הוידעט זיך די לופט.

די רעשטאקעס וויגן זיך
אף ראָליקעס פון טעג,
און קוילן רוקן זיך
און רוקן זיך צום שטרעק!

ניט קיין שליטנס שלעפּן זיי, ניט קיין שליטן פֿאָרט,
עס הוידעט זיי, עס הוידעט זיי עלעקטרישער מאָטאָר.

א מעטער נאָך א מעטער די ווראָבאָווקע פֿארשנייַדט,
ס׳איז דער פּלאסט א לאנגער: ביזן סאָף איז ווייַט!

אין שטיב און אין מיסט זיצט דער מאשיניסט,
אין שטיב און אין שטויב הריזנען זייַנע פיס.

צעפּינטלען זיך די „וואָלפאָווקעס״, די שייַנן זיך שארט,
אף אָנדערהאלבן מעטער פֿארשנייַדט זיך דער „באר״!
און דער טאָק
א גאנצן טאָג
מונטערט אונטער דעם מאָטאָר.

ניט קיין שליטן שליטלט זיך, ניט קיין שליטלער פֿאָרט,
עס זשומעט נאָר און זשומעט דער עלעקטרישער מאָטאָר.

די מאשינע שנייַדט און שנייַדט,
וויל דער שטויב זי טאָן א ווארג,
שיט דער שטויב זיך בא דער זייַט,
לעם קאָנווייער
ווערט א בארג!
און דער לאנגער קאָנווייער צעהוידעט זיך ווידער און ווייַטער
אהין און צוריק,
אהין און צוריק,
אהין און צוריק,
ס׳האָבן די כעוורע דעם גליי פון רעשטאקעס געשליידערט,
און ס׳האָבן רעשטאקעס די שייַן פון די לעמפּלעך געוויגט.
דער קאָנווייער — הוידע־הויד,
לייגט דער שטויב זיך אף דער הויט—
שווארצע פוטער.

מיידלעך שלײַדערן פארשײַט
אין דער זײַט,
אין דער זײַט
שווארצע הרודעס.

— „טו א קוק: פאנאסיק קריכט!..
(ווערט בא מאשען דאָס געזיכט
פארסארפעט).
טוט א פלי א שטיקל גליי...
— „הײַדא, מאשא!"
— „גיי שוין, גיי!"
— „ארבעט!"

פונעם טיכל אפן קאָפּ,
פון די בעקלעך פאלט אראָפּ
שווארצע פודער.
אף רעשטאקעס שווימט דער שטיב...
— „גיי שוין, גיי, זי האָט אים ליב
ווי א... ברודער!"

ווהיג־זשע קריכט פאנאס אצינד
צו דעם שטרעק, ווו ט׳לויפט דער ווינט?
— „וואָס ט׳ער טוב דאָרט?"
— „לאָזט זי אָפּ! זי קוקט זיך גלאט,
ווײַל פאנאסיק איז א יאט
אף אלע הונדערט!"

דער קאָנווייער איז אין גאנג!
וואגאָנעטקעס לײדיקע דערלאנג!

עס זײַנען געקומען מיט לעמפּלעך באפלעקטע גריניוק און מאושאָרני,
זיי האָבן באפוילן, געקוקט און געפרעגט:

— „וואָס הערט זיך, כאווײרים?"
— עס פעלן וואגאָנעס!"
זיי זײַנען צום „בונקער" צוריק אַף די קניִעס אַוועק.

פֿאנאסיק גייט נאָך נאָך דער בייזער מאשינע,
אַן עקבער אַ לאנגער זיך דרייט אין צעאָדערטע הענט,
עס דרייט זיך דער עקבער, דער לאנגער און דינער,
ער קריכט און פֿארדרייט זיך אין גלאנציקע קויליקע ווענט.
דרייט זיך דער עקבער און בויערט. די הענט זײַנען נאקעט.
מיט קינע אין בליקן פֿאנאס דעם קאָנווייער באגלייט:
עס זיצן די מיידלעך און ווארפֿן דעם גליי פֿון רעשטאקעס —
פֿארוואָס זאָל זײַן בלאָנדע נאסטאסיע ניט זיצן לעם זיי?

ווען די בייזע מאשינע איר טאָגיקן ציקל פֿארענדיקט,
ווען פֿאנאסיק פֿארדרייט שוין דעם עקבער דאָס לעצטע שוין מאָל,
ווערט די לאווע די לאנגע מיט שווארצקײַט געדיכטער געפֿענטעט,
דינאמיט טוט מיט הרודעס פֿון פֿלאסטן אַ שפּיל אין פֿוטבאָל.

גייט אַוועק דער „אייקהאָפּ" אַף אַן אָרט אַף אַ צווייטן,
טוט די לופֿט אין דער לאווע מיט קילקײַט מיט פֿרישער אַ ברויז,
און ס'ליאזגען אין בלעך פֿון רעשטאקעס די שטויביקע קייטן,
ביז מע טראָגט זיי פֿון לאווע אין שטרעקן אין לאנגע ארויס.

שפּאנען כעוורע גיך אַוועק,
ווערט אין לאווע ריין דער וועג,
טוט אַ פֿײַערל אַ וועק
שווארצע גרוילן,
טוט אַ ריטש דער דינאמיט,
און דאָס שווארצע ווענטל פֿליט,
און עס ליארעמט און עס שיט
קוילן!

קומען כעוורע צריק צו גייג,
איז דער וועג שוין מער ניט ריין.
אינדערברייט און אינדערלענג —
שווארצע קנוילן.

טוט מען לאָפּעטעס א הייב —
ווערט דער וועג פון ליארעם טויב,
ווערט די לאווע פול מיט שטויב
און מיט קוילן!

די לופט לויפט פון עקן צו עקן אין שטרעקן מיט כוואליעס געדיכטע,
ס'לויפט די לופט ביזן ליפט און צוריק,
און ס'ווייען די ווינטן אנטשלאָסן און ניכטער.

פון סטעליע צום דיל
טריפן טראָפּנס ווי שווייס.

אין די שטרעקן איז קיל,
אין דער לאווע איז הייס.

עס ליאזגען די רעגעס מיט רויש פון רעשטאקעס,
מיט זשום פון מאָטאָר
און וואגאָנעס מיט שווערע,
עס שלאָגט זיך קאָמיוגישע לאווע
פאר איר אָרט
און איר ערע!

עס שטייען קאָמיוגיסטן אפ פּאָסטנס קאָמיוגישע פעסט דאָ!
מע וויסט אין דער שאכטע:
ס'א לאווע א גוטע — На все сто!

7.

... נאָך אַ ווערסט און נאָך אַ ווערסט,
און עס איז ניט ווײַט שוין,
שטויבן שויבן שמײַסן שווער
מיט געדיכטע בײַטשן.

זיבן סטאַנציעס קריכט דער צוג
ביזן קליינעם דערפל,
און מיט שטויבן נאָך דערצו
איז די גאַנצע ערד פול.

פליגל־רויכן,
פליגל־פּאַך,
ס'פאַלן גרויע עפּל.
זיבן סטאַנציעס, און דערנאָך
וועט אַ פורל שלעפּן...

אוי, דער שטויביקער וואַגאָן
ווי אַ שווערער בער גייט,
צוועלעף יאַטן
מיט אַ פּאָן
פאָרן פון „ענערגיע"!

אפן העלן האָריזאָנט
שפּילן זיך די בליצן.
צוועלעף יאַטן מיט אַ פּאָן
פאָרן צו דער שניט־צײַט!

ס'האָט די שאַכטע זיי געשיקט:
צוועלעף יאַטן —
הײַדאַ!
צוועלעף יאַטן — אַן אַנטיק
זאָלן העלפן
שנײַדן!

אין די שפּערס פון קאַלווירט
נאָך אָבאָזן רויטע,
זאָלן ליגן סקירט אפ סקירט
פול און זאט און ברויטיק!

און דערצו נאָך (ס'פליט דער באן
איבער וואלד און בריקן)
— דער קאַלווירט זאָל צוואנציק מאן
אין דער שאכטע שיקן!

פלינקע סטאנציעס פליען אָן
אויסגעפּוצט אין נײַקײַט,
צוועלפע יאטן
מיט א פאָן,
מיט א באלאלײַקע...

פאָרן שעפּן אפּן שניט,
גרויע רויכן טאנצן,
און א לידל פליט צעשיט
איבער אלע סטאנציעס:

„Там за речкою,
Да за дунайкою,
Провожала меня милка
С ба—ла—лайкою!"

שטילער, כעווריע! נו, גענוג!
הערט שוין אוף צו שרײַען!
שטילער, כלאָפּציעס!
גיט א קוק:
כ'האָב פאר אײַך א נײַעס!

— „אינ דער קעשעניע איכ פיר
(נאָר איכ בעט ניט שפאסנ...),
ס'ליגט אינ קעשעניע בא מיר
א בריוול פונ פאנאסנ.

— „אונ געבעטנ זאָגנ איר,
אז ער שיקט א גרוס איר".

אפ די לאנגע בענק די פיר
פלאקערט א דיסקוסיע...

מעג מענ לייענענ
פרעמדע בריוו?
פרעמדע בריוו?
פארמאכטע?
— „אלצ געהערט דעם קאָלעקטיוו!"
אָפגעשטימט אונ פארטיק!

— „כ'האָב אליינ געזעענ, הערט,
ווי ער האָט געדראקעט"...
— — — — — — — — —
פליק דעם בלויעכנ קאָנווערט,
אונ די בריוו איז נאקעט!

אינעמ ארבל, אינעמ פויסט
דער געלעכטער טופקעט,
אונ דאָס בריוול טוט א ברויז:

„טאסיע מײַנ האָלובקע!
מיטנ ערשטנ מײַנעמ וואָרט
קומ איכ דיר צו שרײַבנ,
אז איכ וועל שוינ א שאכטיאָר
אינ „ענערגיע" בלײַבנ!

„קומ, קאָכאנעטשקע, צו פאָרנ,
ביז ס'וועט קומענ אָסיענ,
כ'האָב דיַינ קארטע ניט פארלאָרנ,
כ'קוש דיר דיַינע קאָטעס...

גיכ באקומ איכ א קימנאטע,
מיט א בעט אונ בענקלעכ.
שריַיב א בריוול.
גרוס דעמ טאטנ.
דיַינ פאנאס שעווטשענקאָ.
— — — — — — — —

שטילער, כעוורע!
גיט א קוק:
ס'איז שוינ זעקס מיט צוואנציק!
אונ עס שטייט שוינ אונדזער צוג
אפ דער לעצטער סטאנציע!
— — — — — — — — —

אינעמ זעלבנ אפדערנאכט,
נאָכנ הייסנ שניט־טאָג,
האָבנ שטערנ
זיכ צעלאכט,
האָט דאָס פעלד געמיטינגט!

8.

אונ טאקע אינ זעלבנ פארנאכט,
אפ א שטויביקער דראָזשקע,
האָט מענ אינ קלוב
פונ „ענערגיע" געבראכט
א קינאָשקע.

אינמיטן דעם פלאץ
א לײַוונט א ווײַסע צעצויגן,
אינמיטן דעם פלאץ
טאנצנדיקע, לאכנדיקע נײַגיריקע אויגן.

ליידיקע הײַזער...
פינצטערע שטילקײַט אפ פענצטער, אפ פריזבעס, אפ טישן.
נאָר קינדערשע שאָטנדלעך דרייען זיך אום, ווי די ווײַזערס,
און העלפן די זייגערס ד נאכטיקע שטילקײַט צעמישן...

ווי אפן לײַוונט, טונקל־שטום
רוקן זיך קעפ קוטשעראווע,
עס פליִען די קינדער אין געסלעך ארום.
אן אָבלאווע!

דאָרט צווישן אוילעם שטייען די שענקערס און קוועלן און רײַבן די שטערן
אין זייערע כאטעס, אין קעלערס, אפ בוידעמער פליִען ארום פיִאָנערן!

עס זאָלן זיך טאטעס ניט ציִען צום ביטערן טראָפן,
די פלעשער, די טעפ, די גראפינעס צעקלאפן!

טאָמער וועט א שיקער נעזל
נאָר א דראָ טאָן מיט א גלעזל,
— מיט א דרענגל שטיק עס!
אויסגעפינען און פארברענען,
אז די ערד זאָל זיי ניט קענען —
סאמאהאָן־טשיקי־טשיקי,
סאמאָהאָנשטשיקעס!
סאמאָהאָן געדיכט ווי האָניק
כליופעט אפן טעראקאָניק,
כליופעט, כליופעט — וואָן!

ניט געגענעצט, פּיאָנערן,
אינעם זילבער פון די שטערן —
פּליאַסק דעם סאַמאָהאָן!

הונדערט ניַינציק אַפּאַראַטן
שטינקען לעם די כאַטעס־שמאַטעס,
יעדער אַפּאַראַטל דראָט.

זאָלן טאַטעס מער ניט זשליאָקען,
יעדער אַפּאַראַט צעבראָקן —
— אָט!

און אינמיטן דעם פּלאַץ
האָט זיך דער אוילעם געפרייט,
אינמיטן דעם פּלאַץ
האָט זיך די פּילמע געדרייט!

די נאַכט
האָט געפינקלט, געבלאָזן, געפרישט...
אינמיטן עקראַן האָט געלאַכט
אַטאַמאַן קניש.

סאַמאָהאָן אינדערלופטן,
סאַמאָהאָן אין ווינט!
פון קנישס ליפּן
סאַמאָהאָן רינט!

האָבן שענקערס געיאָגט
ווי פּאַרסאַמטע הינט,
סאַמאָהאָן — צעשפּריצט,
אַפּאַראַטן צעשמיצט,
און קניש דער אַטאַמאַן האָט פון עקראַן
מיט אַ כיטרע אייגל
געבליצט...

.9

דאָ טוט זיך א ריס דער סיוזשעט.
און דאָס איז א פעלער.
ס'איז עמעס.
מיר דארפֿן זיך לערנען נאָך, פּאָשעט גערעדט,
קרעפּטיקער בויען פּאָעמעס.

.10

פֿון דער סטעליע קוקט אראָפּ א ציילעם,
און פּאָרטרעטן קוקן פֿון די ווענט.
ס'איז דער זאַל איצט אָנגעשטאָפּט מיט אוילעם,
און דער אוילעם פּליעסקעט מיט די הענט.

פֿון א ווינקל קוקט די פֿרומע מוטער
מיטן קליינעם מאמזער אפֿן בויך:
די מאכאָרקע איז א זאפּטיקע און גוטע,
שווימט די קרומע מוטער אינעם רויך.

איר איז גוט. זי לעבט פֿון אַלימענטן.
צוויי טויזנט יאָר באקומט זי רעגולער...

אין זאַל צעשפּרינגען זיך אפּלאָדיסמענטן
און טאנצן אפֿ די הענט געשמאק און שווער.

א פּײַקל טוט א פּויק, און שרויטלעך דינע
צעשיטן זיך אפֿ קעפּ, אפֿ שויבן און אפֿ בענק.
שערענגעס צוויי מארשירן צו דער בינע.
ווי סטענגעס צוויי באפּוצן זיי די לענג.

טא־טא־דריטא,
טאטא־דריטא,
טא־טא־דריטא,
טא־טא־טא...

דאָס פײַקעלע פײַקלט. די לופט — אין װעלכלעכ,
צעשיט זיכ, צעצאַקעט מיט לאָקנדיקנ שרויט.
אָט שטײט שוינ א יאַט מיט א יאָנטעװדיק קעלכל.
דאָס קעפל איז שװארצ.
דער האלדזטוכ איז רויט.

— כאװײרים טאטעס, אָנ שום מײַסעס,
מיר, פיאָנערנ, דערקלערנ אײַכ קלאָר:
װער ס'איז א פליִער, א לאָדער, א רײַסער —
איז אונדז ניט קײנ טאטע אונ ניט קײנ שאכטיאָר!

פליעסקערײַענ רוישיקע דאָס פײַקעלע פארכלינען,
א בײַכיקער געלעכטער פאלט פונ די בענק,
שערענגעס צװײ מארשירנ פונ דער בינע,
װי סטענגעס צװײ באפוצנ זײ די לענג...

טרא־טא־דריטא,
טא־טא־דריטא,
טאטא־דריטא,
טא־טא־טא...

מאזשאָרני קלינגט. די מידקײַט די הענט דריקט.
— כאװער סאװטשוק (דער נײַער פארװאלטער), ענדיקט!

— „...נאָכ דעמ, װאָס איכ האָב שוינ געזאָגט, איז קלאָר, אז אויב מיר װילנ ארויס פונעמ זומפ, אינ װעלכנ די אלטע אָפאָרטוניסטישע אָנפירונג האָט ארײַנגעװאָרפנ די שאכטע „ענערגיע", מוזנ מיר מיט דער גאנצער באָל־שעװיסטישער פאראקשנטקײַט דורכפירנ אינ לעבנ דעמ כ' סטאלינס זעקס אָנװײַזונגענ. די קאָמיוגישע לאװע האָט דאָס שוינ אָנגעהויבנ טאָנ. זעענ מיר טאקע גוטע רעזול־טאטנ. מיר דארפנ נעמענ א בײַשפיל פונ איר. דעמ כויװ מוזנ מיר דעקנ. איכ װעל פארענדיקנ מיט די װערטער

פונ כ׳ לעניג, וואָס ער האָט געזאָגט אפנ ערשטנ צוזאַ־מענפאָר פונ די בארג־ארבעטער:

„דערדאָזיקער אינדוסטריע־געביט האָט פאר אונדזער רעפובליק אנ אויסערגעוויינלעכע באדייטונג. איר ווייסט, פארשטייט זיכ, אלע, אז אָנ דער קוילנ־אינדוסטריע קענ קיינ שום היינטצייטיקע אינדוסטריע, קענענ קיינ שום פאבריקנ אונ זאוואָדנ אפילע ניט געמאָלט זיינ. קוילנ — דאָס איז דאָכ ברויט פאר אונדזער אינדוסטריע. אָנ אָט דעמ ברויט קומט זי אומ, אָנ דעמ ברויט איז דער טראנ־ספאָרט פארורטיילט צו בלייבנ אינ דער ערגסטער לאגע אונ קענ בעשומויפנ ניט אופגעשטעלט ווערנ, אָנ אָט דעמ ברויט ווערט די גרויסע אינדוסטריע אינ אלע לענדער צעפאלנ, פאנאנדערגעלייגט, זי גייט צוריק צו דער אור־אלטער ווילדקייט".

דערנאָכ האָט מענ גערעדט אסאכ,
זעקס אונ פערציק רעדנער האָבנ זיכ פארשריבנ,
נאָר פאנאסיק איז א שלעכטער סעקרעטאר,
איז פונ אלע רעדעס וויייניק־וואָס געבליבנ.

פאנאסיקס פראָטאָקאָלנ קענ מענ גלויבנ,
זיי זיינענ קורצ אונ צו דער זאכ!

זייער פאָרמ איז ניט אזוי געהויבנ,
נאָר דער אינהאלט לערנט אונדז אסאכ!

פאנאסיק שרייבט: „דער יונגער אינזשענער...
ס׳איז אנאָנימקע, ברודער, הער!
...דער יונגער אינזשענער האָט לאנג גערעדט
וועגנ דעמ באטייט פונ קוואליטעט!

— „קוילנ האָבנ פיינט צעקראָכנקייט, ווי ליימ,
מע דארפ זיי נאָכקוקנ אונ נאָכשפירנ אונ היטנ:
קרעפענ צו דער צייט אונ רייניקנ דעמ גליי,
די הליבעס ניט צעשטויבנ, ניט צעשיטנ!"

און ווײַטער: ס׳שטעלט זיך אוף גריניוק
פון פּרעזידיום. ער רעדט. ער ענדיקט גיך:
— „אָן קוילן וועלן מיר קיינמאָל ניט האָבן גענוג
קיין ציץ, קיין צוקער, קיין אײַזן, קיין שיך!״

ווער שרײַט עס דאָרט: ניט ריכטיק איז באַמאָלט?
מײַן פרײַנט! ניט בייזער זיך און בלאָז ניט דײַנע ליפּן,
אַנטשולדיק, וואָס איך האָב אַ גוטן פּראָטאָקאָל
מיט גראַמען און מיט קורצע שורעלעך פאַרקריפּלט!

נעענטער צום איניען!
דער איניען איז אויך דיכטונג!
נאָר די ריידע קודלאַנס איז ניט ווייניקער וויכטיק!

— „איך בין קירילע, ווי אײַך איז באַוווסט,
איך האָב ליב געהאַט...
(קוילעס: געהאַט?)
אַ טרונק טאָן, ווי אײַך איז באַוווסט.
איז וועל איך דערציילן, וויאַזוי האָט פּאַסירט,
וויאַזוי האָט קלימענקאָ מיך, קירילען, פאַרפירט...
ווי אײַך איז באַוווסט!
(ער הוסט).
איך וויל אײַך דעם גאַנצן עמעס זאָגן:
דאָס האָב איך גריניוקן אין שאַכטע געשלאָגן!
ווי אײַך איז באַוווסט!
(ער קלאַפּט זיך אין ברוסט).
איך וועל אײַך דערווײַזן מיט מײַן האָרעוואַניע!
כאַווײרים! נעמט מיך אין אײַער קאָמפּאַניע!

אַ בײַכיקער געלעכטער צעגייט זיך פון די בענק,
דער בײַכיקער געלעכטער דערלאַנגט אַזש ביזן צײַלעם.
קירילע האָט געציילעמט זיך, קירילע האָט געוויינט,
דער אוילעם האָט געלאַכט און געפּליעסקעט האָט דער אוילעם.

ארופ איז נאָכדעמ גילביר מיט א פּאָרשלאג אינ די הענט,
ארופ זײַנענ די לאוועס, די אויוונס אונ די שטרעקנ:
— „א שטורעמ־נאכט דערקלערנ!
(א שטורעמ אפ די ווענט),
אונ זאָלנ אונדזוער שאכטע די כויוועס מער ניט פלעקנ!

היי, קאָמיוגיסטנ, ענטוזיאסטנ,
אינ שלאכטנ פאר מעכטיקע סטאלינער פלאסטנ!

פאר הײַנט אונ פאר מאָרגנ,
פאר פלענער, פאר טאָנעס!
אונ ס'פליעסקענ שאכטיאָרנ,
אונ ס'פליעסקענ די פאָנעס!

אפ רויטע פאָנענ
דאָס בלוט פונ קעמפער,
אפ רויטע פאָנענ
די פארב פונ טעמפּנ,
ווו רופנ בליצנ,
ווו ווערטער ברענענ —
אפ יעדער זיצונג
דער כאווער לעניג...

ער קוקט ארויס
פונ רויטע פאָנענ,
ער רעדט ארויס
פונ יעדער פאָנעמ...

אפ יעדער זיצונג
זײַנ שטימע הערט זיך,
די ווערטער בליצנ
אינ שלאָג פונ הערצער...

ווי ווערטער בליצן,
ווי רופן ברענען —
אף יעדער זיצונג
דער כאווער לענין!

.11

נאָך דער ראשיקער פארזאמלונג
האָט מען א קאָנצערט געגעבן,
האָט מען א קאָנצערט געשפּילט
מיט געזאנגען און מיט טענץ
און מיט אַלעס, וואָס איר ווילט...

קליין און גרויס האָט אים געהערט,
דעם גרויסארטיקן קאָנצערט
אף די שפּראכן אף די זיבן.
נאָך דער ראשיקער פארזאמלונג
האָט מען א קאָנצערט געגעבן:

— „דער ערשטער נומער פון אונדזער פּראָגראם —
דער אָפּערע־זינגער טראם־טא־דא־ראם!”

אינעם קלוב „שאכטיאָר טשערוואָני”
גלאנצט א פּאָנעם — א לעוואָנע.
פון הייזעריק באסאָקל
שיט זיך די כאלטורע,
און ער ציטערט,
און ער שאָקלט
מיט זיין שעוועליורע,
און ער פלאטערט
און ער בעט זיך:

— Отчего не знаю!

און ער שרײַט מיט רויטע ליפּן:
— Друг! я умираю!
אָט אזוי האָט ער געענדיקט...
— „זאָל דער בּוהײַ גײען!“
און א קאלעמוטנע שווײַגן
שפּרייט זיך אַף די רייען...

— „דער צווייטער נומער פון אונדזער פּראָגראם —
די בּארימטע טענצערס: ראָזעט און דיאַדיע סאם!“

זיי האָבּן זיך געדרייט
און געדריגעט מיט די פיס,
זי מיט אַ מעסער
און ער מיט א שפּיז.
פּלוצלינג טוט א קאָל
פון בּענקל זיך א ריס:
— „מע דארף ניט קיין בּראוואָ
און מע דארף ניט קיין בּיס!“

דער קלוגער קאָנפעראנס האָט דעם אוילעם דערקלערט
די גוואלדיקע בּאדײַטונג פון אונדזער קאָנצערט:
— „געשעצטע דעלעגאטן פון אונדזער קאָנפערענץ,
איר האָט ניט פארשטאנען די גרוזישע טענץ!“

דערנאָך האָט א כינעזער א שווערד געשלונגען
און דערבּײַ געשריגן: „כאָדיא, כאָדיא!“
דערנאָך איז דער צירקאטש מיט הוילע פיס געשפּרונגען,
האָבּן שטיקלעך גלאָז אונטער די פיס געקלונגען,
דער כינעזער איז געשפּרונגען און געשפּרונגען און געשפּרונגען
און דערבּײַ געשריגן: „כאָדיא, כאָדיא!“
און דער אוילעם האָט געשריגן
— „האָדיע!
— „האָדיע!

אַן אוקראַינער האָט געהעפּעט
עפּעס א האָפּאַקל,
און דער אוילעם האָט געגענעצט:
— „אויך מיר א ספּעקטאַקל!"

נאָכדעם האָט די זינגערין יאַדוויגע פּאַראַגוויי
א קנאַק געטאָן דאָס לידעלע „שאַכטע נומער דריי":
„א יונגער שאַכטיאָר
האָט א יונגע שאַכטיאָרקע געליבט,
ער האָט זי געקושט
אין די אויגן
און האָט זי געקושט
אין דער ליפּ,
ער האָט איר געגלעט אירע צעפּ
און האָט איר די באַקן געגלעט,
זיי זיינען פּאַרטיינע געווען
און זיינען געגאַנגען אין גע־ווע־ווע!
דער געוועט איז גרויס,
די לי־בי־היבע איז פריי
אין שאַ־אַ־אַכטע נו־ו־מער דריי"...

— „דאָלוי" און „העט", „אַראָפּ" און „נידער"!
מיר דאַרפֿן ניט האָבן אַזעלכע לידער!

ששש־אַ־אַט!
און שאַט!
דער לעצטער נומער פון אונדזער פּראָגראַם
וועט זיין דער זינגער באַבאַד!

„צוועלף ברידער זיינען מיר געווען —
איז געבליבן צען,

11—442

איינער איז פֿון אונדז געשטאָרבן,
איז געבליבן נײַן.
ווען דער נײַנטער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן אכט...
ווען דער אכטער איז געשטאָרבן,
איז געבליבן
זיבן...

און אָט דאָ פֿארציט דער זינגער עפּעס א כאזאַניש,
מאכט דער אוילעם א געפּילדער אין „שאכטיאָר טשערוואָני".

—וואָס פֿאר ברידער, וואָס פֿאר מײַסעס, וואָס פֿאר דיונ־דאזן?
ניט קיין זינגער איז דער פּאָרעץ, נאָר א וויסטער כאזן!

און דער אוילעם נעמט אים בעטן, פּאָדערן, באפֿוילן:
— „גיב א ליד וועגן די שאכטעס, וועגן ארץ און קוילן!"

און מיט רויגעז און מיט קאס
פֿליִען קוילעס אפֿן באס:

— הער באס!
— ליבער באס!
— מיסטער באס!
— דאָן באס!
— זינגט א ליד וועגן דאָנבאס!

האָט דער זינגער ניט געטראכט,
ניט געטראכט
און גוט געמאכט.

און א זינג געטאָן מיט ברען,
גלײַך ס'איז גאָר דאָ ניט געווען:

„ווען דער רעבע עליע־מײלעכ
איז געוואָרנ זײער פרײלעכ,
האָט ער אויסגעטאָנ די טפילנ
אונ האָט אָנגעטאָנ דיברילנ
אונ געוואָרנ א... זאבע־בוישטשיק אינ דאָנע־באס!

א געפּילדער האָט א טאנצ געטאָנ פונ די בענק די לאנגע,
א געפּילדער האָט א זעצ געטאָנ אינ סטעליע פונ דער בינע.
דער זינגער איז אנטלאָפנ, די פּאפּקעס מיט געזאנגענע
האָבנ זיכ געשאָטנ אפ דער בלאסער באלערינע.
דער כינעזער מיט באבאדנ זײַנע טײקעפ ניט געסטײַעט,
יאדוויגע פּאראגווײַ האָט פארלאָרנ אירע נאָטנ,
דער זינגער האָט געמורמלט נאָר:

Мой друг, я умираю.

אינ הינטער־טיר פונ קלוב האָט די כאלטורע זיכ צעשאָטנ...

דער זאל איז אָנגעשטאָפּט,
די בינע איז לײדיק,
דער פאָרהאנג איז בערויגעז,
די בינע איז באלײדיקט...

איז ארופ דער יונגער קרײַז פונ „שאכטיאָר טשערוואָני",
האָבנ זיכ פונ טופּעניש א וויג געטאָנ די פּאָנעג.
די בינע האָט דערשראָקנ זיכ פארנ טופּ דעם נײַעמ,
דער זאל האָט זיכ צעדונערט מיט הײסע פּליעסקערײַענ,
האָבנ זיכ פונ פּליעסקעניש א וויג געטאָנ די פּאָנעג,
פונ די מונטערע טשאסטושקעס אונ דעמ מארש בודיאָנעס;
פּאנאסיק האָט צעזונגענ זיכ אונ גילבור האָט צעהיצט זיכ,
לעבעדיק אונ הײזעריק געגאָסנ האָט די ליד זיכ,
געהוידעט האָבנ פּענצטער זיכ, געפּליעסקעט האָבנ טירנ,
האָט דער זאל א זינג געטאָנ
דעמ מארש פונ בריגאדירנ:

דעם מארש פון בריגאדירן
זינגען ניט קיין כאָרן,
דעם מארש פון בריגאדירן
זינגען די שאכטיאָרן,
די שפּיצן פון זשעלאָנגעס,
די קוילן אין די ווענט,
דעם מארש פון בריגאדירן
זינגט מען מיט די הענט!

איינס!
צוויי!
זינגט מען מיט די הענט!

דעם מארש פון בריגאדירן
זינגען ניט קיין כאָרן,
דער מארש פון בריגאדירן
רוישט אין די מאָטאָרן,
וויגט זיך אין די מוסקלען,
טראָגט זיך אינעם טעמפּ —
דעם מארש פון בריגאדירן
זינגט מען מיט די הענט!

איינס!
צוויי!
רוישן די מאָטאָרן...

דער מארש פון בריגאדירן
בלייבט ניט אפּ בינעס,
דער מארש פון בריגאדירן
טופּעט אין מאשינעס,

ריזלט אין די לאָוועס,
וויגט זיך אין די לעמפּ —
דעם מאַרש פון בריגאַדירן
זינגט מען מיט די הענט!

איינס!
צוויי!
זינגען די שאַכטיאָרן!

— — — — —

ווען די נאַכט מיט דאָמנע־פלאַמען האָבן זיך געראַנגלט,
זיינען שוין שאַכטיאָרן מידע פון קאָנצערט געגאַנגען,
האָבן שוין שאַכטיאָרן מידע צוגעמאַכט די אויגן,
זיינען שוין אַקטיאָרן מידע צום וואָקזאַל געפלויגן!
און... דער רעבע עליע־מיילעך האָט שוין אין גאַניידן
אַ געשפּרעך געפירט אַ הייסן מיטן שפּאָלער זיידן...

.12

אַף ערדן דאָנבאַסער, אין הויכן פאַרזויגן
זיינען צוויי פינצטערע פויגלען געפלויגן.

פינצטערע פויגלען מיט הענט ווי מיט פליגל,
די הימלען זיי קילן, די ווינטן זיי וויגן.

ניטאָ איז קיין כמאַרעס, ניטאָ איז קיין זון דאָרט,
זיי פליען אינייגעם, זיי פליען באַזונדער...

און דאָרט ווו עס פליען די פויגלען פאַרבייַ גאָר,
צעוואַרפן זיך פלעקן ווי בערד פון ציגייַנער.

זיי פליען אינצווייען מיט וואָלקנס געגאַרטלט
און בויען די הימלען מיט שטיוול פאַרדאַרטע.

פונויבן די שטערן, פונונטן די שטויבן,
די שיקערע פויגלען זיך הייבן און הייבן...

אָט שווימען פּונוּנטן די שאכטעס, די שטיבער,
אָט שווימען טראַמוואַיען אין שטענדיקן פיבער...

אָט שווימען די פעלדער, אָט שווימען די בריקן,
אָט ליגט שוין „ענערגיע" אין גֶעפּל פארוויקלט...

און סטאַלינע ליגט ווי א בערגל אין פלאקער...
אָט דרייען זיך פעלדער פארזייט און צעאַקערט.

אָט לויפן די וועלדער מיט שאָטנס באַשאָטן,
און ס'לויפן פון סטויפּעס צו סטויפּעס די דראָטן.

ווו זײַנען די נעכט, יענע נעכט קאַלעמוטנע?
די נאכט איז אין פײַער, אין ארבעט און רוט ניט!

פונויבן איז פּוסטקייט און שווארצקייט און שטילקייט,
צווי שיקערע פויגלען צעבויטען די ווילדקייט...

צו וואָס די סימוואָליק? צו וואָס די אינטריגע?
מיר קענען די פויגלען! זיי זײַנען דאָך היגע!

זאָל נײַגיר ניט מאָנען, זאָל נײַגיר ניט ברענען,
מיר וועלן זיי לײַכט אינעם ריידן דערקענען!

איז הערט נאָר די רייד, וואָס אין הימלען זיך טוקן:
— „מיר פליִען פון לאנג שוין, עס ווילט זיך שוין פּיקן!

— „דו האָסט אַלע קלומקעס? טשי מי ניע זאבולי?
דאוונאָ מי ליעטאיעם, מיר פליִען ווי דולע"...

— „וואָס זאָגסטו, בראַטוכא, געפעלט דיר די שטילקייט?"
— „אין פליִען פארלאָרן די פלאש מיט האָרילקע!"

— „אין דר׳ערד אריַין גייט זי, מיר וועלן שוין קריגן,
עס טוען מיר ווי נאָר אביסל די פליגל״...

— „ס׳איז גרינגער צו פליִען אפ צענדליקער מײַלן,
ווי איין מאָל א זעץ טאָן דעם פלאסט מיט דער קײַלע!״

— „טשודילע דו איינער! ס׳איז ווײַט צום געלעכטער!
צום פליִען איז איצטער דער וועטער א שלעכטער!״

— „א שלעכטע פאָגאָדע? אין דר׳ערד אריַין גייט זי,
א קראַץ טו, בראַטוכע, עס בײַסט מיר די פלייצע״...

— „עך, וועלן פאָדליזעס מיט ציגעלעך מאָלן,
מע וועט אונדז שוין ביידע באפאטשקען, באמאָלן״...

— „איז זאָלן זיי פלאפלען, איז זאָלן זיי פליוכען,
עס ליגט שוין דאָס פערד אין מײַן בוזעם, בראַטוכע!״

פון ערדן דאָנבאסער אין הימלען פארזויגן
זײַנען די פינצטערע פויגלען געפלויגן...

זיי זײַנען געפלויגן דורך בערג און דורך סטעפעס,
זיי זײַנען געפלויגן אהיים צו דעם דניעפער...

צו אייגענער כאטע, צו אייגענער לאָנקע,
צום שטינקען צום אייגענעם פון סאמאָהאָנקע...

אָט איז שוין דער דניעפער, די פעלדזן באקוקן
די פינצטערע פויגלען מיט קלומקעס אפ רוקנס...

עס קוקן די פויגלען אפ פעלדזן האָרבאטע.
— „אָט אָד וועט מען קענען א שלאָף טאָן אוואדע!

„עס וועט אונדז דער דניעפּער, דער אלטיטשקער זיידע,
פאַרהיטן דאָ ביידע פון פײַנט און פון שיידים!״

קוקן די פויגלען אפ דניעפּערשע שוועלן:
— „עס איז מיר דער דניעפּער, מײַן פרײַנט, ניט געפעלן!

„ער בייזערט זיך עפּעס, ער הודעט הײַנט צופיל,
עס האָט אים אוואדע דאָקוטשעט די קנופּיע!״

די שיקערע פויגלען מיט קלומקעס באַקלומקעט
זיצן פאַרמאַטערט אפ פעלדזן און ברומקען...

טוט פלוצלינג א פעלדז זיך א וויג ווי א שיקער,
ער טוט א געשריי און צעשיט זיך אפ שטיקער.

א פאַל טוט דער פעלדז און עס רײַסט דינאַמיט זיך,
עס ריטשעט דער פעלדז און ער שיט זיך און שיט זיך...

צוויי פויגלען, וואָס זײַנען געזעסן פונויבן,
זיך קײַקלען מיט שטיינער, אין רויכן, אין שטויבן...

באַגאָסן מיט ווינטן, באַגאָסן מיט זון דאָרט,
זיי שווימען שוין ביידע אפ כוואַליעס באַזונדער...

זיי שווימען און ווילן פאַרהאַלטן די שיפן,
און ס'הירזשעט דאָס פערד אין די דניעפּערשע טיפן...

גערעכט איז קלימענקאָ: ס'איז ניט קיין געלעכטער,
צום פליִען איז איצטער דער וועטער א שלעכטער!

.13

ס'איז ניט קיין געלעכטער:
צום פליִען איז איצטער דער וועטער א שלעכטער¡

.14

רעלסן־ציטער.
כמארעס־פלאָנטער.
אומרויִקער רויך.
ווען אין מאָסקווע איז א יאָנטעוו,
— פרייט זיך כארקאָוו אויך!

קוימענס הודען.
בופערס ליאזגען,
טרעשטשען ווי די ניס.
ווען א יאָנטעוו איז אין וויאזמע,
— יאָנטעווט אויך טיפליס!

פעלדער־מילן.
וועגן־פליגל
בונטעווען אין גרינס.
ווען טורקסיבער וועגן זיגן,
— הוליעט מען אין מינסק!

וואָלקנס־בלוילעכע מאטראָסקעס.
הויך־קודלאטע גאס.
ווען א יאָנטעוו איז אין מאָסקווע,—
— זינגט מען אין דאָנבאס!

זינגען דאָמנעס אין דאָנבאס,
זינגען שאכטעס אין דאָנבאס,
זינגען די מארטענען,
זינגען יאָנטעוודיק א ליד
„ראָבעספיער“,
„מאראט“
און „שמידט“
און די שאכטע „לענין“!

זינגען קירקעס אין דאָנבאַס,
און מאַשינעס אין דאָנבאַס,
פֿליִען עשאַלאָנען.

פֿונעם ווײַטסטן עק אין לאַנד
ביז דער העכסטער קרעמל־וואַנט
גריסן זיך די פֿאָנען!

גוט איז דעם, וואָס קעמפֿט און ברויזט,
גוט איז דעם, וואָס גייט פֿאָרויס
אין די הייסע שלאַכטן.

קוקט אַף ווײַטן האָריזאָנט,
ווי אַ רויטער עשאַלאָן
טראָגט זיך פֿון די שאַכטעס!

ווער־זשע פֿאָרט דאָרט?
קאַדרען פֿאָרן! פּלאַסטן פֿאָרן! שאַכטעס פֿאָרן! ס'פֿאָרט די מי!
ווי די פֿליִערס
לויפֿן וואָלקנס
און צערונען זיך
ווי שניי.

ווער־זשע פֿאָרט דאָרט?
ס'פֿאָרט „איליטש" און ס'פֿאָרט „פּעטראָווסקי",
ס'פֿאָרן „קאָסיאָר" און „שמידט"
מיט אַ ראַפּאָרט דער פּאַרטיי!

און דורך פֿענצטער פֿונעם באַן
טוט אַ מאַרש אין פֿעלד אַ שפּאַן:

— מיר זינגען דעם מאַרש, ווײַל מיר זײַנען שאַכטיאָרן.
מיר שטורעמען דעם פּלאַסט און מיר שטורעמען די יאָרן.

מיט דער קײַלע געריק,
מיטן לעמפּל לויכט,
זאָלן הרודעס שווערע
פאלן פון דער הויך!

די זון איז אין די שטעט, זי גייט ניט אין די שאכטעס,
גייען אין די שאכטעס א וואכטע נאָך א וואכטע!

לאָזן זיך אין אָנגריס,
לאָזן זיך אין שטרײַט
קײַלעס און זשעלאָנגעס,
לאָמפּן בא דער זײַט!

שוואך זײַנען די הויטן, שווארץ זײַנען די לונגען,
שלאכטן האָבן רויטע אין שאכטעס זיך צעקלונגען!

אונדז, די שאכטיאָרן,
דער קלאס האָט פארטרויט
דעם רויטן מאָרגן,
דאָס שווארצע ברויט!

מיר זינגען דעם מארש, ווײַל מיר זײַנען שאכטיאָרן,
לאָמיר זיך געזעגענען, טונקלע קאָרידאָרן!

זײַ געזונט, מײַן קײַלע,
מײַן לאָמפּ און מײַן לאָם,
ס׳לויפט איבער די מײַלן
עלעקטרישער שטראָם!

עס ווארטן די זאוואָדן, די צוגן און די שיפן,
מיר זאָלן זיי דערלאנגען די פלאסטן פון די טיפן!

הויך איבער די שאכטעס
רוישט דער דאָנעץ,
אומעטום א שלאכט איז, —
קײַלע מײַנע, זעץ!

א גרוס אײַך, באָלשעװיסטישע, עלעקטרישע ארמייען!
לאָמיר זיך געזעגענען, טונקלע גאלערייען!

ענגער די קאָלאָנעס,
האסטיקער די טריט,
ס׳װארטן שוין װאגאָנעס
אפ גוטן אנטראַציט!
— — — — —
לויפט דער צוג.
דער דאמפער נאס איז.
פונקען—פונעם בויך.
װען א יאָנטעװ אין דאָנבאס איז,
פרייט זיך מאָסקװע אויך!

פליט דער צוג באגלייט מיט זיגן,
הויכט זײַן שטאָלצער קאָפּ,
און אין שװארצע זומפן ליגן
די, װאָס שטייען אָפּ!

.15

נאָך איידער הודאָק האָט זײַן רוף איבער גאסן און געסלעך צעשאָטן,
האָט שוין די ארבעט אין שאכטע „ענערגיע" געזאָטן,
זײַנען שוין „בארנ" אין גלאנציקע פּלאסטן געקראָכן,
האָבן זיך קוילן געקרישעט, געװאָרפן, געבראָכן.

הודאָק האָט ניט לאנג זײַנע רופן אפ דעכער געשלײַדערט,
א פײַף נאָר א קורצער, א הודע,
א הוידע —
און הײַדא!

נאָך איידער דער הימל האָט שטערן צעשאָטן פון זילבערנעם קאָשעק,
זײַנען שוין געסט פון ארומיקע שאכטעס געקומען פארפראָשעט...

געקומען איז אויך דער בוקסיר פון דער שאכטע „איליטש" דער באוווסטער
וואָס איז אינעם קאַנט אינעם גרויסן, אין קאַנט אין דאָנעצער, א מוסטער

נאָך איידער הודאָק האָט די גאסן געוועקט און געקלאפּט אין די טירן!
האָט שוין די שאכטע „ענערגיע" געארבעט פארצווייען, פארדרייען, פארפירן.

אז דעקן די כוואַלעס, דער רוך זאָל עס נעמען! אז דעקן — איז דעקן!
נאָר ווי קומט עס מוזיק אָט אהער, אין די לאַוועס און שטרעקן?

ווען ס'פּויקן די פּויקן, ווען ס'שאלן טרומייטן, ווען ס'טרובן די טרויבן,
איז גרינגער דאָס פערדל צו טרייבן, די קײלע איז גרינגער צו הייבן!

מוזיק אין דער שאכטע! אָט דאָרט, ווו די גרויע „סטראדאניע" פלעג כליפּען,
אָט דאָרט, ווו דער טרויער פלעג רינען מיט קלאָלעס פון ליפּן,
אָט דאָרט, ווו די בייטש פונעם שטייגער פלעג פייפן און לויפן,
אָט דאָרט, ווו דער טויט האָט געשפּילט זיינע מארשן אָן אויפהער...

מוזיק אין דער שאכטע!
זי גיסט זיך, זי שטראָמט און זי דרייט זיך,
זי לייגט זיך מיט ווארעמע לאַפּעס אפ שלאָגלערישע פּלייצעס.
זיי האָבן קיין צייט ניט די שלאָגלער, זיי קענען די קלאנגען ניט הערן,
זיי האָבן קיין צייט ניט, באקוקן די רויטע, די צעפינקלטע שטערן,
וואָס מ'האָט אין די שטרעקן, אין לאַוועס, אין אלע זאבויען צעהאנגען.

זיי האָבן קיין צייט ניט, די שלאָגלערס, עס ברענט דער געראנגל!

עס פאלן היינט גיכער די קוילן, עס פליִען היינט גיכער וואגאָנעס,
דער קליעט הייבט היינט גיכער די שווארצע, די גאָלדענע טאָנעס!
עס פינקלט די ארבעט געשווינד היינט, עס ארבעטן אלע געשווינדער,
עס זיינען געקומען די זיידעס היינט העלפן, עס זיינען געקומען די קינדער,
און וויפל מאשינעס עס האָבן אָן ארבעט, אין שטויבן געזשאווערט,
ארבעטן פלייסיק און שרייען ווי זיגערס און שניידן די לאַוועס!

היינט ארבעטן אלע בריגאדעס געשווינדער, די ארבעט גייט היציק!
דער גאנצער קאָמיוג פון „ענערגיע"! דאָס קעמערל! אלע!
זיי קומט היינט די ערשטע פּאָזיציע!

דער נײַער שאַכטקאָם איז געקומען, דער נײַער פאַרוואַלטער אוואַדע.
מע האָט זיך צעוואָרפֿן אין שטרעקן, אין זאַבוי, אין דער לאַווע דאָ!
גריניוק האָט געדעקט אַפֿן מיטינג די פֿליִערס, די רײַסערס, די וואַנצן,
און צוגעזאָגט דעקן די פּלענער אַף הונדערט מיט צוואַנציק!
און אויב מירן אַרבעטן אַלע געהעריק און פֿלײַסיק —
וועלן מיר דעקן די פּלענער אַף הונדערט מיט דרײַסיק!

אַרבעט הײַנט שטרענגער גריניוק, און ער קוקט ניט אַפֿילע,
ווי ס'אַרבעטן גילבור, פּאַנאַסיק, שאַשווילי, קירילע.
עס לויפֿן קאָמיוגישע מוסקלען, עס שלאָגן קאָמיוגישע הערצער:
זיי ווילן שוין דעקן דעם אַלטן מיט הונדערט און פֿערציק!

שאַכטע „ענערגיע" איז פֿול הײַנט מיט רוישן פֿון צענדליקער מילן.
די שאַכטע איז פֿול מיט געשריי און מיט בריאַזג און מיט ווילן!
עס שרײַען מאַשינעס ווי כײַעס באַפֿרײַטע פֿון שטײַגן,
און ציפֿערן הייבן זיך, ציפֿערן בלאָזן זיך, ציפֿערן שטײַגן!
אַ לאָזונג אַ לאַנגער צעיאָגט זיך פֿון שטרעקן צו שטרעקן:

מע מוז הײַנט דעם פּלעק פֿון „ענערגיע" פֿאַרמעקן!

אַ לאָזונג מיט אויסיעס מיט רויטע צו לאַוועס צעפּלאַקערטע שאַרט זיך —
מע מוז הײַנט, מע מוז הײַנט אַראָפּ פֿונעם טאָוול דעם שוואַרצן!
איז פֿאַלן די קוילן געשווינדער, איז לויפֿן הײַנט גיכער וואַגאָנעס,
דער קליעט הייבט הײַנט גיכער די שוואַרצע, די גאָלדענע טאָנעס!

קומט אַרופֿ אַ קליעט מיט קוילן,
ווערט אַ פֿרייד פֿונויבן,
ווערטער הילכן, ווערטער קלינגען,
ווי צעפּלאַצטע שויבן!

רויטע, גלײַקע פּלאַקאַטן
ציילן די סאַכאַקלען,
און עס פּאַטשן מיט די צונגען
די טשובאַטע פֿאַקלען...

ווינקען גליַיקע פּלאַקאַטן,
ריידן רעדט ניט קיינער,
און דאָס נעכטל בייַסן פּאַקלען
מיט די רויטע ציינער...

אין הורא און פּליעסקערייַען
ציפּערן זיך באָדן,
און דאָס נעכטל שטעכן פּאַקלען,
ווי מיט רויטע נאָדלען...

די קאַזאַרמעס זייַנען ליידיק,
די כיבאַרקעס זייַנען ליידיק,
און די נייַע מויערן
מיט די גרויסע פענצטער,
מיט עלעקטריע און מיט בעדער,
און מיט ליפטן
און מיט סעדער —
זייַנען ליידיק!

אַלע זייַנען דאָ!

פליט אַרופ אַ קליעט מיט קוילן,
בלאָזן זיך סאַכאַקלען,
און עס פּאַטשן מיט די צונגען
די טשובאַטע פּאַקלען!

און פּלאַקאַטן אַפּ פּלאַקאַטן
מעלדעווען
און מעלדן:
ווער זייַנען
די ליידיקגייערס?
ווער זייַנען
די העלדן?

קומט א העלד אפ די פלאקאטנ,
שרײַט דער פלאצ: הורא!
קומט א לאָדער אפ פלאקאטנ,
שרײַט דער פלאצ: האנבא!

שטייענ פרויענ בא דער שאכטע.
וויפל אויגנ ברענענ?
אונ מע זוכט אפ די פלאקאטנ
נעמענ פונ די מענער.

שטייענ קינדער בא דער שאכטע,
יעדער הערצל פלאטערט,
אונ מע זוכט אפ די פלאקאטנ
נעמענ פונ די טאטעס!

וויפל נעמענ! וויפל נעמענ!
וויפל אויגנ קוקנ!*
טוט א בלישטשע צווישנ נעמענ:
מערער ניט גריניוקעס!

בראוואָ, בראוואָ! — שרײַט דער אוילעמ —
טוט א שפיל א וויוועו!
אונ די פאקלענ די קודלאטע
טרעסלענ מיט די גריוועס...

וואָס־זשע שווײַגנ די האָרניסטנ?
וואָס־זשע שווײַגנ די פלייטיסטנ?

שפיל, מוזיקע!
שפיל, מוזיקע,
א טרויער־מארש
דער אלטער יוזעפקע!

קלאַפּט, פּײַקלעך!
ברענט, פֿאַקלען!
טרומבעט, טרומבן,
טרײַבט דאָס דרויב!
טרײַבט דאָס דרויב
און טרײַבט דעם שטויב,
און די פֿאָנען
העכער הייבט!

פֿאַקלען שיטן
פֿלאַם אַף פֿאַקלען,
פֿאַקטן לויכטן ווי די פֿאַקלען,
פֿאַקלען וואַקלען זיך און קנאַקן,
פֿאַקטן קענען זיך ניט וואַקלען!

אַכט אָרקעסטערס
אין פֿאַרמעסטונג!

פֿיר פּונויבן,
פֿיר פּונונטן.
שרײַט אַ טרויב
אין לאַבירינטן,
פּויקט אַ פּויק
אין לאַבירינטן!

טראָגן קלאַנגען זיך ווי ווינטן,
טראָגן קוילעס זיך
ווי ווינטן...

ס׳מוז „ענערגיע" דעם שלאַכט
נאָך געווינען הײַנט בײַנאַכט!

פאלן קוילן אין זאבוי,
טרעשטשען קוילן אין זאבוי,
טרייבן קוילן פון זאבוי
דעם קאָלבוי
פון זאבוי,
אלע ווייסן דאָרט:
„За бой!"

עס הייבן זיך אָן גליען
אין פריילעכקייט די הענט,
און שווארצע קוילן פליען,
זיי טראָגן זיך און פליען,
אז ס'ציטערן די ווענט!

אין פלאקער פון פארמעסטונג
אפ שווארצע שטיקער גאָלד
צעלאָזט זיך דער אָרקעסטער,
צעגיסט זיך דער אָרקעסטער
פון ען־ער רויטן פאָלק!

די לאָמפן ברענען שענער,
די שאָטנס פאלן איין,
ווי ציפערס פון די פלענער,
ווי שורעס פון די פלענער
צעציט זיך זייער שיין!

די וורובעווקעס מארשירן,
מע הריזעט און מע שנײַדט.
ווי גוטע בריגאדירן,
ווי בעסטע קאָמאנדירן,
פירן זיי דעם שטרייט!

צעפּינקלטע סיגנאַלן
צעמונטערן די נאַכט,
אַ קלאַפּ — און קוילן פאַלן.
וואָס מער די קוילן פאַלן,
אַלץ הייסער ווערט דער שלאַכט!

עס גיט שוין „ענערגיע" איצט נײַנציק מיט זעקס און מיט זיבן!
איז העכער די פּאָנען! ס'שוין ווינציק דערלאַנגענע געבליבן!

פלאַקערן לאַוועס אין גרויסער פאַרמעסטונג,
הילכן מאַשינעס אין גרויסער פאַרמעסטונג,
גליִען די שלאָגלערס אין גרויסער פאַרמעסטונג —

דער זיג איז ניט ווײַט שוין, דער זיג איז שוין נאָוונט,
אַראָפּ וועט „ענערגיע" פון פינצטערן טאָוול!

עס ווייסן די העלדן פון רויטן דאָנבאַס
דעם רוף פון פּאַרטיי און דעם רוף פונעם קלאַס!

פאַרמעסטונג — הייסט וואַך זײַן,
פאַרמעסטונג — הייסט טעמפּן,
פאַרמעסטונג — הייסט שלאַכט:
ווער וועט וועמען
באַקעמפן?

פאַרמעסטונג — הייסט העכער פאַרקאַטשען די אַרבל,
פאַרמעסטונג — הייסט שלאָגן דעם סוינע מיט אַרבעט!
פאַרמעסטונג — הייסט קלאַפּן די פוילקייט מיט פויסטן!
פאַרמעסטונג — הייסט בּרויזן,
און ניט נאָר
אַ בּרויז טאָן!

פארמעסטונג — הייסט האקן בא פליִערס די פליגל!
פארמעסטונג — הייסט וואגן!
פארמעסטונג — הייסט זיגן!
פארמעסטונג — הייסט: קלאַס!
קאָמוניזם!
פּארטיי!
פארמעסטונג — הייסט פינעף אין פיר און אין דריַי און אין צוויי!

יעדער בריגאדע — א זיכערע פעסטונג.
— אָט דאָס הייסט פארמעסטונג!

א שלאָגלער דארף שלאָגן דעם פּיַינט אומעטום!
א שלאָגלער — הייסט העלדישקיַיט, ערע און רום!

צעשריַיט זיך „ענערגיע" מיט שטרעקן און לאַווען,
צעהילכן זיך שאכטעס ארום דער „ענערגיע",
צעהודען זיך צעכן ארום אלע שאכטעס.
און ס'טראָגט זיך דאָס קאָל איבער צוגן און שיפן,
דאָס קאָל פון די שלאָגלערשע
טיפע מאסיוון:

— מיר וועלן ניט אָפּשטיין,
מיר טאָרן ניט אָפּשטיין,
ס'ליגט אף אונדז אלע
פון צוקונפט דער אָפּשיַין!

איז שטיַיפער די מוסקלען,
איז העכער די קעפּ,
מיר ווילן ניט כאַפּן,
מיר דארפן ניט כאַפּן,
מיר טאָרן ניט כאַפּן
קיין קלעפּ!

מע האָט אונדז געגערעקט,
מע האָט אונדז געשלאָגן,
דאָס לײַב פון פארבאנד
איז מיט סינע באהאָגלט!

ס׳געדענקען די וועלדער
דעם טופּ פון די רײַטערס,
ס׳געדענקען די שאכטעס
די בײַטשן פארשײַטע,
ס׳געדענקען די ביימער
דעם טויט פון די דיזן,
ס׳געדענקען די העלדן
די סוינישע שפּיזן!

און ווו נאָר א ווינקל
און ווו א ברינאדע —
געדענקען, געדענקען
די קייט פון בלאָקאדע!

אין אָנשטרענג אין גרויסן,
אין גאנג אינעם שווערן
זיי שווערן
בא מוסקלען,
זיי שווערן בא זיגן,
זיי שווערן,
און ס׳טראָגט זיך די שווּע
פון דר׳ערד ביז די שטערן:

— מיר וועלן ניט אָפּשטיין,
מיר טאָרן ניט אָפּשטיין,
עס פאלט אף אונדז אלע
פון צוקונפט דער אָפּשײַן!

דעם רופ פונעם פירער
געדענקט מען דאָ גוט!

דער רופ פונעם פירער —
אינ יעדערנס בלוט!

מיר וועלנ ניט אָפּשטיינ:
— Отсталых бьют!

די שטורמישע נאכט האָט פונ רויש אונ פונ הוד אונ פונ שײַנ זיך געקרישעט.
„ענערגיע" מוז הײַנט נאָך דעם פּלעק פונ דער שאכטע פארווישנ!

זײַנענ שאכטיאָרנ, ווי פלאסטנ געפעסטיקט, אפּ פלאסטנ געגאנגענ אינ אָנגריפ,
מיט וורובאָווקעס ווי מיט מאקסימקעס, מיט שפּיציקע לאנגע זשעלאָנגעס
ווי שווערדנ. זיי האָבנ דעם פלאסט, ווי דעם סוינע, געבראָקט אונ געשניטנ!
די גרויע רעשטאקעס די קוילנ צעהוידענ אונ שיטנ!

ניט קיינ שניי האָט געכרושטשעט אונטער דער קוילקער מאסע,
דאָס האָבנ זיך קוילנ געהוידעט אראָפּ צו די שטרעקנ דאָ באסער.

צו קליעטנ זיך שלעפּנ וואגאָנעס מיט קוילנ מיט שווארצע באבערגלט,
אונ ס'טראָגט זיך די קליעט ארופ „נא האָרא" מיט טראָפּייענ פונ שאכטע
„ענערגיע"!
געוווסט האָט די שאכטע: דער פארבאנד קענ ניט ווארטנ!
געבליבנ איז סכאקל א קארגע דעקאדע צום סאָפּ פונעם קווארטל!

איז האָבנ די פּאָמפּעס געפּאָמפּעט די לופט אונ די נאכט אונ די וואסער,
אונ ס'האָבנ די טרײַבערס געטריבנ געשווינדער די רויקע פערד די דאָנבאסער.
אונ ווענ ס'האָט דער הימל זיך מונטער געשפאלטנ פונ דאָמנישע בליצנ,
האָבנ פולע וואגאָנעס, האָבנ לעצטע וואגאָנעס געקײַקלט שוינ מיד מאָלאָדיצעס!

דער טאָג האָט מיט פרישקײַט געוואשנ פונ שאכט־הויז די שויבנ,
די קליעט האָט פארמאטערטע, מונטערע זיגער פונ שאכטע געהויבנ!

װוּ־זשע זײַנען די גרויסע אָרקעסטערס ? װוּ־זשע זײַנען די פּאַקלען ?
איצט שפּילן אַף טאָװלען אַף רויטע און שװאַרצע די גרויסע סאַכאַקלען !

איצט שפּילט נאָר די קליעט אַף די אײַזערנע, לאַנגע קאַנאַטן,
איצט שפּילן די נעמען פון שלאָגלערס אַף פרישע פּלאַקאַטן !

איצט שפּילן װאַגאָנעס אַף שװערע באַלאָדענע רעדער,
אין יאָג צו גיגאַנטן, זײ שנײַדן די פרײַקע פעלדער װי גרינלעכע לעדער...

איצט שפּילן אַ װיװע דער טאָג און די שלאָגלער,
די קוימענשע גאָרגלען,
און ס'פּלאַקערט נאָך העלער פון פאַקלען
דער שלאָגלערשער בלויער פרימאָרגן !

שפּיל, מוזיקע !
שפּיל, מוזיקע,
אַ טרויער־מאַרש
דער אַלטער יוזעפקע !

איצט שפּילט נאָר די קליעט אַף די אײַזערנע לאַנגע קאַנאַטן,
איצט שפּילן די נעמען פון שלאָגלערס אַף פרישע פּלאַקאַטן,
און ס'ליגט װי אַ הליבע אַף פרישן פּלאַקאַט
דער פּאָרטרעט פון גריניוקן
און קוקט מיט צװײ אויגן, װי פאַקלען,
אַף ציפערס פון צוקונפט !

יאַנוואַר 1930 — מאַרט 1932 י.